אנשי כנסת הגדולה, האט ער געזאגט "והכל היו מתפללין נוכח המקדש", ווייל דאס שטייט שוין אין פסוק שוין פון פריער. ער זאגט דאס אלס א היסטארישע פאקט אז מ'פלעגט דאווענען נגד מקום המקדש. דער רמב"ם איז מדייק אז נישט נאר אפילו אין ארץ ישראל, נאר קעגן מקדש שילה, קעגן משכן, ווי די משכן איז געווען. מיר וועלן רעדן וועגן דעם, מ'קען רעדן צווי וועגן דארט. פונקטליך, ווייל די הלכה איז נאר מעשה וועגן דעם. יא.

3. **תיקון הגוף** – וויאזוי דער גוף דארף זיין, מ'דארף זיין אנגעטון גוט. ניין, ער גייט רעדן... ער זאגט בעמידה, ער מיינט אז מ'זאל שטיין, תיקון הגוף איז אז מ'זאל שטיין צווי פיס איינע לעבן די אנדערע... יא. וויאזוי מ'זאל שטיין.

4. **תיקון המלבוש** – וויאזוי מ'זאל גיין אנגעטון. די עצם זאך, מען דארף זיין מכסה די ערוה און די לב, דארף זיין מכוסה, האט מען שוין געלערנט ביי מעכב. זאל מען דא נישט מעכב, ווייל מען זאל זיין אנגעטון גוט.

5. **תיקון המקום** – די פלאץ זאל זיין מתוקן, די פלאץ זאל זיין גרייט. דאס איז אויך, דאס וואס מ'זאל נישט זיין קיין מקום מזוהם איז מעכב, אבער דאס זאל זיין א בערדעריגע פלאץ, עס זאל זיין גאר גוט, דאס איז שוין א חומרא.

6. **השוואת הקול** – אז מען זאל דאווענען מיט א געוויסע שיינע קול, נישט וואו א שרייען... ווי מיינט מען זאל מ'דעמה' זיין. עס זאל נישט גיין העכער און נידעריגער. די גאנצע צייט זאל מען דאווענען מלכה. ניין, עס קען זיין אז מען זאל מען לערנען אין דעם סתימון טעש טייטש. זאג מיר מיינט אזוי ווי מ'זאל דאווענען אין דרך המצוות טייטש. ער זאגט, נישט זייער הויעך, און אויך נישט נאר בלבו. דאס איז די טייטש. פשוט איז דאס די פונקט אינמיטן פון הויעך און און פלאנדערש. דאן מ'קען זאגן, אה, זייגער, צו וואס דער השווא מיינט אז דרך המצוות, אלס וואס דאס די ריכטיגע קול? יא, יא, די ריכטיגע קול. אקעי.

7. **כריעה** – די ענין פון ווען מ'דארף זיך אראפבייגן ביים דאווענען, א האלבע, זיך ביקן, און ווי נישט אחוואוי, און וועל זיך זיך ווייל ביקן, אין גאנצע זיך אראפבייגן. זייגער, דאס איז צו די אנדער זאכן. נישט אחוואוי מיינט ער צו זאגן די פילות הפעים. מיט זעען אינעווועניג. זיי, כריעה, איז וואס מ'ביגט זיך אין שמונה עשרה.

8. **השתחוואה** – ערשט זאך אזוי איז וואס מען טוט נאך שמונה עשרה. יא. די דרמה. אקעי.

**הלכה ב – עמידה**

איז יעצט... גייט מען נערנען... איז איינע פון די... איך גיי אפשר מאכן נאמבערס, מאכן גרינגערעס. יא. וואס איז די עמידה? רייט? ערשט זאך אזוי איז דרמה האמידעקייט, ס'איז? דרמה האט עמידס פארלען לעמט מען עלם ועמער.

**פארוואס הייסט תפילה "תפילת העמידה"?**

ווען מען זאגט, תפילה דא מיינט מיר שמונה עשרה? אלעס... אלעס זאל שטיין. זיי זאל זיין ביי עמידה. זיי זאל דאווענען שטייע דיך. הייסט תפילה תפילת העמידה? תפילת העמידה, יא. אים... אין קבלה האט דא אנדערע סיבות וואס הייסט תפילת העמידה, און אלס עס איז שוין דער לעצטע, און פון דארטן גייט מען שוין נישט העכער, אז דער עפעס איז אזא. אקעי, אבער קענען אז ס'איז דער יסוד פון די זעלבסב אידיע. יא. ווייל ס'איז די חשובעסטע תפלה, וואס דארף מען נישט טוהן בן עמוד.

איך ווייס נישט, איך פארשטיי, און דו פילסט די ענין פון א מודה. דאס איז די אמת. ער ברענגט דער בער מנוח, אז ס'איז שטייט אז תפלה הייסט עבודה. מאה, עבודה און מעמוד, דארף תפלה און מעמוד. דארף וואס דער כאבנא פון א מודה איז. א ימות פילסטע איז אזוי וויל.

איך וויל נאר מעשה זיין פאר וואס דער כבנא פאר וואס מ'טארף שטיין אין א מודה? למשל, כדי לעבדכאווען צו זיין, איך זעה נישט אויף אז מ'כאבן בעסער ווען מ'שטייט, איך זיי ווען מ'כאבן בעסער ווען מ'זיץ, איך ווייס נישט. אבער זעט אויס... מ'כאווען זיין, מ'נישט מיט מיינען, מ'קען בעסער פאקעסט'ן, מ'כאווען דיין, מ'קען אויך מיינען אינדערס אז מ'שטייט געשפאנט, מ'שטייט אזוי ווי אן דערוך, וויאזוי זאגט מען עס, אז מ'איז יעצט אין א געוויסע סתיעור מינד פון אן ערנסטקאל, מ'דארף ענדיגן, ס'איז א געוויסע סחיבות אזא. ס'זעט אויס אז דער... עומד לפני המלך, זאגט מען אויך די לשון. מ'זאגט נישט קיין יושב לפני המלך.

**דיסקוסיע: דער ענין פון שטיין**

אבער דעמאלטס מאכט עס סענס, ווייל דער מלך זיצט און דו שטייסט אין פראנט פון אים.

ס'איז קען זיין אז ס'איז דא אן ענין פון כבוד, דער אייבערשטער איז מלך יושב על כסא רם ונשא, און דו שטייסט לפניו, עומד לפני המלך, און דו דאוונסט.

יא, גוט. ס'איז א געוויסע... ס'איז עבודה, ס'איז א סערוויס. דו שטייען איז נישט געמאכט...

ניין, דאס שטיין אליין איז א סערוויס.

ניין, דאס שטיין אליין איז א געוויסע... ס'איז אזוויוי שרפים עומדים ממעל לו, דער מלך זיצט און די משרתים שטייען. ס'איז כאילו... ס'איז אינטערעסאנט, דער וואס שטייט איז כאילו אין א נידריגערע, אין א low level פון דער וואס זיצט, right? ס'איז אפאזיט ווי די גשמיות דערפון. שטיין הייסט אז דו ביסט א משועבד, דו ביסט אן עובד.

**די הלכה: עמידה אויף א ספינה אדער עגלה**

לאמיר זען אין די הלכה, די זאכן וואס מיר האבן שוין געהאט פריער, אז אויב א מענטש בשעת'ן דאווענען גייט דורך א פלאץ וואו ס'איז דא א ריח רע און אזעלכע סארט זאכן. דאך, ביי קריאת שמע האבן מיר געזען, אבער קריאת שמע איז נישט עמידה. אבער שמונה עשרה, לכתחילה זאל מען דאווענען בעמידה.

וואס טוט זיך אויב ער איז **יושב בספינה או בעגלה**, ס'איז דארטן איז אוממעגליך צו זיצן? איז אזוי, אויב ס'איז שייך צו שטיין, זאל ער זיך אנשטרענגען, אפילו מיט די אנגענומענע וועג פון... אפשר ווייל ער זאגן אפילו אז עמידה על עגלה הייסט אויך געשטאנען.

לכאורה קען, אבער אפשר איז דאס נישט די ווארט. אפשר דאס הייסט נישט שטיין, ווייל דו פארסט דאך יעצט, דו רוקסט דיך.

ס'הייסט אבער אויך שטיין. דו ביסט אויף די פלאץ וואו דו ביסט, הייסט עס ווי דו שטייסט.

אה, יא, אמת. ווייל הגם רוכב כמהלך, מיינסטו צו זאגן? מיר האבן געזען אז רוכב על החמור...

ניין, מ'קען אויך טענה'ן אז מבחינת דו גייסט דורך פלעצער, דו שטייסט נישט.

אבער דו רוקסט דיך נישט.

אבער מ'קען זען, רוכב על הבהמה שטייט אז ער זאל נישט אויפשטיין.

אבער אין א קרון שטייט אז אמאל איז מעגליך. אמאל דו זיצסט אין א קאר, איך ווייס נישט, אין א טרעין...

אין אן עראפלאן קען מען שטיין.

ס'גייט אים נישט אן די זאך אז דער גאנצער פלאץ רוקט זיך. דער עיקר איז אז דו ביסט במצב יציב, דו טוסט גארנישט. די נקודה פון עבודה. אז דו שטייסט. דו, דער עובד, איז דער וואס שטייט.

ווען דער מלך פארט אין די מרכבה, מוזט דו אויך שטיין די גאנצע באן ארום?

מ'דארף קוקן למשל צו מ'דארף זיך אויפשטעלן פאר א תלמיד חכם אין ספינה.

קען זיין אז דעמאלטס נישט.

אין די ספינה אפשר יא, אבער רוכב... מיר האבן געזען, רוכב כמהלך. אבער דא שטייט פאר אן אנדערע ביזנעס איז נישט רלוונט. אבער דא ווייטער, **"ואם לאו, אם אינו יכול לעמוד"** - וואס דארט שטייט ער קען נישט, מיינט מסתמא וואס ס'איז שווער צו שטיין דארטן - **"יעמוד במקומו ויתפלל"**.

אינטערסאנט, דאס איז א משנה וואס שטייט **"יכוון לבו כנגד בית קדשי הקדשים"**. ס'שטייט נישט שפעטער גייט זיין "יעמוד במקומו". דאס איז לגבי יענע נושא. די משנה רעדט לגבי "עומד להתפלל", לגבי יענע נושא איז ער קטן.

**הלכה ג — נוכח המקדש**

און אין די שורה איז דא די סתוויים "וזאת תהיה מנוחתך, מחל לשבטך, פעלת השם, בית המקדש של מטה, ומכוון כנגד". דארטן זעט מען שוין די געדאנק אז די פלאץ איז זייער א וויכטיגע ספעציפישע זאך. אסאך מאל איז דא די זאך אז וואו אימער מענטשן זענען מקדש ווערט עס הייליג, אבער דארטן איז יא משמע אז ס'איז דא א מקום קדוש, וואו דאס איז "מחל לשבטך", וואו דער אייבערשטער רוהט. אויך "זה שער השמים". איז דא אן ענין פון דאווענען נוכח המקדש.

אבער ס'איז נישט מעכב אז ס'וועט אונז גיין זען. אבער די נוכח המקדש איז ווייטער אין די קאפ. ס'איז שוין א פלאץ וואס דארטן קען מען פאוקעסן אויף די מקדש, ווייל מ'איז טויזנטער מייל אוועק, ס'איז נישט נוגע. אבער ס'איז מכוון לבו כנגד. ס'איז אויך דא די רמב"ם זאגט "כדי שיפתח חלון". ווייל ס'איז עפעס וואס העלפט. ניין, איך זאג, ס'איז נישט ממש די פלאץ, ס'איז נאך זייער ווייט, ס'איז די ימים אינצווישן. אבער זיין קאפ איז געדרייט צו יענע זייט, ס'איז געהאלפן אביסל. לאמיר זען אינעווייניג, מ'רעדט פון די זאכן.

**הלכות תפילה פרק ה — עמידה, צמא ורעב, ונוכח המקדש**

**הלכה י' (המשך) — רוכב על הבהמה**

אבער מיר קענען זען, דער רוכב על הבהמה, דאס שטייט אז ער זאל נישט אויפשטיין. אבער אין א קרון שטייט, אמאל איז מעגליך. אמאל ער זיצט אין א קאר, איך ווייס פון א טרעין, מען קען שטיין. וואס איז שייך אין אן ערפלעין, מען קען שטיין. ס'גייט מיר נישט אן די זאך אז דער גאנצע פלאץ צוריקט זיך. ניין. דער עיקר איז אז דו ביזט מיר מצב די אחר, דאס טיסט גאר נישט. ניין נקודה פון עבודה, וואס שטיין. ניין, אז די, דער עובד, איז דער וואס שטייט. ס'איז נישט אז דער פלאץ צוריקט זיך. ווען דער מלך פארט אין דער מקלבה, מוזט מען אויך צעטשטייענדיג א בארעם ארום. מען דארף קוקן למשל צו, מ'דארף זיך אויפשטיין פאר א תלמוד חכם ווען מ'איז בספנה. קיינע זענען עס נישט. אינו דער עס פון אפשר יא, אבער רכף, זיי האבן געלערנט, רכף עס כמלך, האב איך געווען דארט. לגבי יענץ. אבער דא שטייט פון אנדערע רידענטס. אבער דא ווייטער ואומלייב, אויב קען עס נישט שטיין, וואס דארטש ער קען נישט, מיינט מסתמוז צו זיין שווער צו שטיין דארטן. יישר במקומה אויב יוספעל.

אינטערסאנט, עס איז א משנה וואס שטייט כ'חווה ליבור, כ'נגד בית קדוש אריין הקדוש. עס שטייט נישט שפעטער גייט זיין מלכבי מעגש. יענצע לגבי יענע נושא. אבער דער משנה רעדט לגבי איטל חולה לגבי יענע נושא, ער קען נישט גיין צום מזרח, ער דארף דארף זיך הארן די אנדערע וועג, מערעבער קענישט. אבער דער רמא האט געלערנט פון דעם מלכבי אז אויב ער קען נישט שטיין בלייבט ער עצט. יישר מקומה וויספעל.

אינטערסאנט, פריער האט דער רמא האט געדעט וואס זיין חולה איז פטור. דא האבן א חולה וואס קען יום חוון זיין. ער דארף נישט שטיין, אויף אים איז דא דער חיוב פון שטיין. וויספעלל, אפילו שוחה וואלט סיד. והי, דארבן דרייץ צו טאקע תדליי, והי, שבו יאכל. ווי, שבו יאכל. ווי עס וועלן חוון זיין דאטו. אויב עס איז טאסט, ווי שוואכע די קענסטו נישט צו שטיין, אפשר קענסטו נישט מלכבי זיין דאטו. אויב קענסטו נישט מלכבי זיין דאטו, ביסט א פרדים באגערן צו ענין. יא, מ'עקלעמעס א תפילה. דויט, אבער אויב האסט געגוג כח צו מלכאמען זיין דאטו, און האסט נאר נישט קיין כח צו שטייען, דערמאלט זאלסטו מלכאמען זיין דאטו. נישט נאר דעם, אויב ער האט עטשייניגט און נישט קענען מלכאמען זיין דאטו. אה, דערסט אליין, ער קענען נאר איין זאך, ער זאל ענדערש צווינען ליגענדיג מיט כוונות הדעות. ווי אזוי קומט אויס?

**דרגות פון חולה — זיצן, ליגן, און כוונה**

זאגט דערמאלט, **עצמה וערועל הריים בכלל חולים**. איינער וואס דער סנצנטן דיסטווארן קענען זיין דברים החבות ומותם. ווען א מענטש איז הונגעריג אדער דארשטריק, ער קענט זיך נישט געהעריג פאקסטו, אדער ער טראכט די גאנצע צייט וועגן זיין... אדער ער קען סתם זיין שוואך. ער טראכט שוין די גאנצע צייט וועגן זיין עסן. ווען זיי טראכטן, קענען זיי נישט שוואך. ווען זיי זענען שוואך, קענען זיי נישט געהעריג פאוקעסן.

**הלכה י' (המשך) — צמא ורעב**

קוק וואס ער זאגט, **"אם יש בו יכולת לכוין דעתו יתפלל"**. ער זאגט אז צמא ורעב איז נישט ביי דעפינישן א דבר המונע. אבער מ'דארף טשעקן. דברים המונעים מיינט בכלל דברים של נקיות, שמוציגע זאכן, אין רמב"ם'ס לשון. אבער דא איז עס, ער האט נישט קיין כוונה. **"אם יש בו יכולת לכוין דעתו יתפלל, ואם לאו אל יתפלל עד שיאכל וישתה"**. ער זאל קודם עפעס עסן. לכאורה די הלכה איז געבויט אין די פריערדיגע פרק ביי די דין פון כוונה. איך ווייס נישט פארוואס ער איז מער מעורר מיט די כוונה. ס'קומט נישט לכאורה אריין.

נאר אפשר די דרך אגב וואס ער דערמאנט אז א חולה דארף נישט שטיין, זאגט דער רוקח. יא, ס'איז אינטערעסאנט וואס דאס קומט דא אריין. יא, ער ברענגט דאך **"אל יתפלל עד שיאכל וישתה"**. וואס, דער רמב"ם דערמאנט נישט דא די ענין פון אז צופרי זאל מען נישט דאווענען פארן עסן. און דאס איז ווען מ'איז נישט הונגעריג. רעב מיינט נישט אז ער קען באשטיין צו עסן פרישטאג. רעב מיינט אז ער פילט זיך שוואך. ער איז שוואך. און הכי נמי, אויב איינער שטייט אויף, ער האט נישט געגעסן פון נעכטן ביינאכט סאפער, און ער שטייט אויף, דארף ער יא, מוז ער עסן פרישטאג פארן דאווענען, ווייל ער איז אזוויי א חולה, ער קען זיך נישט מכוון זיין.

**דיסקוסיע: קיין סתירה צום איסור אכילה קודם תפילה?**

די מפרשים זענען נישט מעורר אויף עפעס וועגן די שחר, און אז א נארמאלער מענטש וועט זיין. ניין, ס'איז נישט קיין סתירה. איך זע נישט בכלל די סתירה. אמת, אמת. סתם מיט די היינטיגע מפרשים, א גוטן מארגן זאגט מען, אבער איך זע נישט אז ס'איז בכלל א פראבלעם. די שאלה איז פארקערט, כולי עלמא איז דאך א חולה דאך פטור מתפילה, איך ווייס נישט, אויב ער קען זיך נישט מכוון זיין. אבער דער איז דאך א חולה און נישט פטור, ווייל ער קען עסן און דאווענען.

ער זאגט שוין "יתפלל", אבער ער ברענגט אז דער רמב"ם איז דאך מדייק אז **"אם יש בו יכולת לכוין דעתו יתפלל"**, זאל ער ענדערש נישט עסן. **"אם יש בו יכולת לכוין דעתו יתפלל"**, זאל ער נישט עסן, זאל ער ענדערש דאווענען אזוי און מקיים זיין די מצוה פון נישט עסן פארן דאווענען. **"ואם לאו"**, דעמאלטס האט ער א היתר פון עסן. דאס איז ווי אזוי ער טייטשט עס.

אבער דער רמב"ם רעדט נישט דא פון די איסור אכילה קודם תפילה. ס'איז בכלל נישט די נושא. ער ברענגט אז די אחרונים רעדן וועגן די שאלה, אבער איך זע נישט אז ס'איז א פראבלעם. ס'איז דא ווייטער, ס'איז דא וואס גייען מיט די זעלבע דרך. אויב היינט פירט מען זיך אז מ'דאווענט עניוועיס אן כוונה, ממילא דארף מען נישט עסן פאר'ן דאווענען, איז נישט ריכטיג.

**דער פרי מגדים'ס חילוק — הכנה פאר'ן דאווענען vs. גאוה זה**

דער פרי מגדים זאגט א גוטע הערה. דער פרי מגדים זאגט, די גמרא זאגט אז דאס עסן פאר'ן דאווענען איז א חוצפה פון "אחרי כן ישתה", גאוה זה, ער האט זיך שוין פיין אנגעגעסן. אבער דא, אזוויי אין חב"ד זאגט מען, זאגט מען, עסן פאר'ן דאווענען. דאס עסן איז א הכנה פאר'ן דאווענען. נישט אז קודם נעם איך די גאוה פון מיין גאוה, און נאכדעם וועל איך זיך זארגן פאר'ן

אייבערשטן. ניין, פארקערט, כדי איך זאל קענען דאווענען דארף איך עפעס עסן. ס'איז נישט קיין ענין פון גאוה זה.

איך בין מסכים, איך בין מסכים. איך דארף נישט מסכים זיין, דער פרי מגדים דארף נישט מיין הסכמה, ער דארף נישט... איך בין אפס כלום, שפל שבמיעוט. על כל פנים, די שאלה איז... ר' איציקל האט זיין גאנץ לעבן זיך אנגעשטרענגט צו עסן א קוקי פאר'ן דאווענען, אפילו ווען ער האט געזאגט אז ער האט נישט קיין כח צו עסן. ווייל ער איז געווען יונג האט שוין אברהם געזען אז ער איז שוואך, האט ער געזאגט אז ער זאל יעדן טאג עסן א קוקי.

אבער דאס איז ממש די הלכה פון די רמב"ם, דאס איז נישט קיין חסידישע הנהגה. יא, כדי ער זאל האבן כח, און דאס איז דאך פארוואס מ'גייט טרינקען קאווע אויך, ווייל קאווע וועקט אויף, מ'זאל האבן אביסל כח צו דאווענען.

**דיסקוסיע: עסן אין שול vs. אינדערהיים**

זייער גוט. וואס האב איך געוואלט זאגן? ס'איז נישט אויסגעפרעגט. איך מיין אז אין שול, איינמאל מ'האט געמאכט אז ס'איז דא א פלאץ צו זיין אין שול, איז דאך פשוט, קיינער קומט נישט אין שול זיך אנצועסן. אין שול עסט מען עפעס ווייל מ'וויל האבן כח צו דאווענען. עסן אינדערהיים פרישטאג פאר'ן דאווענען, דאס איז "אחרי כן ישתה", גאוה זה. דו קומסט אין שול און דו כאפסט עפעס דארטן, ס'איז דא אביסל קיכלעך, ס'איז דא...

ס'קען אויך זיין. דא האט דער רמב"ם נאכנישט געברענגט די הלכה פון נישט עסן פאר'ן דאווענען בכלל, איך ווייס נישט, אפשר שפעטער גייט ער עס ברענגען. דער רמב"ם האט זיך נישט געהאלטן אז ס'איז א לאו. ער זאגט אז ער גייט עס ברענגען אין פרק ו'. יא, דער רמב"ם, אונז האבן נישט געלערנט. איך מיין, רבינו ירוחם האלט אז ס'איז נאר אן אסמכתא, ס'איז נישט קיין דאורייתא. דער רמב"ם האלט זיך נישט אז ס'איז א דאורייתא. ניין, ס'איז נישט. אבער עקטשועלי, דער רמב"ם ברענגט עס אין פרק ו', מ'גייט לערנען וועגן דעם.

**דיסקוסיע: היינט דאוונט מען אן כוונה — איז נישט שייך צו עסן?**

די שאלה וואס איז יא דא איז, אויב מ'זאגט אז היינט איז מען נישט מכוון עניוועיס, איז אויב ס'האט זיך קיין נויט צו עסן כדי צו קענען מכוון זיין. דאס איז אן ענין על צד הקטנים. אבער ס'איז נישט ריכטיג, ווייל דאס איז... אונז זאגן נישט מיט אונזער תוספות וואס זאגט אז היינט דאוונט מען אפילו ווען מ'קען נישט מכוון זיין. וואס מיינט אז מ'זאל טון? נישט אריינגיין אין שול? ס'איז זייער פיין, ס'איז א חומרא גדולה. אונז זאגן נישט אז מ'קען נישט מכוון זיין. אבער אז מ'קען בעסער מכוון זיין, איך זע נישט אז ס'זאל זיין א ספק וועגן דעם. אויך איז היינט...

ניין, מ'פרעגט אים אין חיוב. דא זאגט דער רמב"ם, **"אל יתפלל עד שיאכל וישתה"**. זאגט ער, דעם חיוב קען מען זאגן נישט מער נישט דא, ווייל דער חיוב איז נאר אויב דו ווייסט אז דאס גייט דיר העלפן מיט מכוון זיין. וואס העלפט? ס'קען זיין דער רמב"ם האט געהאלטן אז דאס טוט צו יישוב הדעת צו מכוון זיין. אקעי, רייט, איך זאג איך. דער רמב"ם בכלל זאגט נישט אויס וואס איז זיין היתר.

אויך איז היינט וואס מ'עסט שבת, מ'דאוונט אין א חסידישע שול ניין, צען אזייגער, ס'איז זיכער אז אויב מ'עסט נישט פארדעם, רוב מענטשן האבן דאך געגעסן א גרויסע סעודה ביינאכט שפעט וכדומה.

וואו ריי, מ'מוז זאגן אז ווען מ'איז שוין דאווענען איז שוין נישט די זעלבע שטאט ווי שחרית. אמת, נאר א נארמאלע מענטש איז דאך די הלכות וואס שטייט נישט צו עסן פאר'ן דאווענען, רעדט זיך אז מ'דאוונט אין א נארמאלע צייט, און מ'דאוונט שוין דריי שעה אריין אין טאג אריין, פיר שעה, פינף שעה, ס'איז נישט מעגליך אז מ'זאל... איך מיין, איך הער, אגעין, ס'איז א פיינע פונקט. ניין, אסאך מענטשן זענען צוגעוואוינט צו זיין שוואך ביים דאווענען, און זיי דאכט זיך זיי קענען נישט מכוון זיין.

**כוונת הגוף vs. כוונת המוח**

איך מיין אז עמידה רעדט פון א געוויסע מין, און נאכדעם רעדט מען וועגן די כוונות דעתא, רעדט מען פון א געוויסע מין כוונות הדעת, עפעס וואס איז פיזיקל. זאל מיר למשל לעכטן געלערנט מ'זאל דאווענען מתוך לימוד און נישט מתוך הלכה פסוקה. עמידה רעדט מען וועגן די גוף, די גוף זאל שטיין. ס'איז א געוויסע די גוף זאל זיין אין... און אויב מ'איז הונגעריג, איז די גוף נישט די הכנה. די עמידה איז עפעס א... ער לייגט דאך אריין גילוי שוק, יא. ער לייגט דא אריין גילוי שוק, ווייל כוונה פריער האט ער שוין גערעדט, כוונה די קאפ זאל זיין רואיג. דא רעדט מען פון עפעס אז זיין גוף זאל קענען מיטארבעטן, זיין גוף זאל אים נישט שטערן פון דאווענען.

איך הער. אקעי, ס'קען איינער טענה'ן אז היינט האט מען נישט קיין כח צו מאכן כוונות המוח, אבער כוונות הגוף קען מען אט ליעסט נוצן, מ'איז מער מקפיד אויף צו שטיין.

פונקט פארקערט, אויב דער רמב"ם זאגט אז מ'דארף עסן פארדעם, היינט ווען ס'איז אזוי שווער צו האבן כוונה, כל שכן וקל וחומר אז מ'זאל עסן פארדעם, מ'זאל טון אלעס וואס מ'קען, אפשר וועט מען האבן אביסל כוונה. וואס איז דאס מייאש זיין אויף כוונה?

איך הער. ס'איז אינטערעסאנט אזוי די אחרונים האבן אנגענומען אז וויבאלד כוונה איז עפעס וואס איז מופרע, א מענטש איז מער נישט נוגע. מ'דארף עס נישט אנשטרענגען. אמאל האט מען אביסל כוונה, ביי אפאר ווערטער כאפט מען זיך. איך ווייס נישט, איך האב געהערט אמאל די זאך, אז מ'האט אינוועניג נישט כוונה, כאילו אז מ'האט שוין איינגעפירט אז מ'האט געדאווענט אן כוונה, איז נישט פשט אז מ'האט ביי יעדע תפילה געטרייט אביסל צו האבן כוונה? ס'שטומט מיר יא. ס'שטומט מיר יא. מ'קען רעדן וועגן דעם מער, אבער לאמיר גיין ווייטער.

**חזרה צו רוכב על הבהמה — נפקא מינה פאר עראפלאן**

הוי רוכב על הבהמה. אבער איך טראכט לכאורה אז דא קומט עס אריין, ווייל דא רעדט מען פון חולה עצמו וראה וואס ער האט נישט קיין כח צו שטיין וכדומה. רייט, רייט, רייט. זיין כוונה איז פשוט אז זיין גוף גייט נישט מיט דעם. דאס איז די ווארט, אז אויב עצמו וראה, וואס זאל ער עסן כדי ער זאל קענען שטיין אויף. א חולה קען נישט שטיין, ער קען נישט שטיין אויף די פיס. א חולה קען נישט שטיין אויף די פיס, דאס שטייט נישט. א סרוח וצנוע שטייט, אבער וואס טוט מען מיט א חולה וואס האט נישט קיין כח? פשוט, ער האט נישט קיין כח צו זיין א חולה, ער קען נישט עסן, און ער דארף זיין בעמידה נארמאל.

זייער גוט. **"הוי רוכב על הבהמה, אפילו יש לו מי שיאחז בהמתו"**, אפילו ער האט ווער ס'זאל אנכאפן זיין בהמה, **"ולא ירד, אין מחייבין אותו לירד"**. ער זאל נישט, ער טאר נישט. קוק וואס ער פירט אויס, **"אלא יושב במקומו ומתפלל"**. כדי שטייט דארט אין שבעה סלעים, אז אויב ער גייט אראפגיין פון זיין בהמה, אפילו אויב איינער כאפט די סוס, פארוואס זאל ער נאך האלטן אז איינער דארף זיין דארט? ווייל ער זאל נישט גיין ארויף גיין אראפגיין, ס'איז א שווערע זאך. ער זאל נישט געצוואונגען.

דאס איז לכאורה די הלכה פאר די וואס פארן אויף אן עראפלאן, אז מ'זאל זיצן אין די פלאץ און דאווענען. אז זיצן מיט כוונה איז נאך אלץ בעסער ווי שטיין אן כוונה. אה, דאס איז קלאר. אזוי שטומט, ס'קומט ארויס פון די אלע הלכות.

**הלכה י"א — נוכח המקדש**

און איך געדענק ר' נחמן ברסלבער האט געזאגט אז ווען מ'פארט, זאל מען וויסן וואס איז מזרח איז ביי די פעקלעך. ווייל ס'איז געקומען צו אים א חסיד און ער האט געזאגט אז ער איז געפארן אויף צום רבי'ן, און ער שטעלט זיך דאווענען ביי מזרח, און די פעקלעך זענען געווען ביים הינטן, און ס'איז געקומען איינער און ער איז געגאנגען ביי די פעקלעך. זאגט ער, "חכם, דו דארפסט וויסן די הלכה איז, אז ווען מ'האט פעקלעך צו וואטשן, מזרח איז ביי די פעקלעך." דאס איז נישט קיין מעשיות, דאס איז נישט קיין שלום עליכם, דאס איז געבויט אויף די הלכה. ס'איז שוין פשטות'דיגע הלכה.

די נעקסטע פון די אכט זאכן, "נוכח המקדש". זאגט ער, **"היה עומד בחוץ לארץ, מחזיר פניו נוכח ארץ ישראל ומתפלל".** ער דרייט זיך אויס צו מזרח. אויב ער איז אין מערב, גייט towards מערב, וואס איז קיין ארץ ישראל. און אין ארץ ישראל גייט מען towards מזרח.

**העומד בארץ ישראל מכוון פניו כנגד ירושלים.** דאס איז די דרגות, ער רעדט אויס דרגות אין קדושה, יא? קודם towards ארץ ישראל, כנגד ירושלים. **העומד בירושלים מכוון פניו כנגד המקדש. העומד במקדש מכוון פניו כנגד בית קדשי הקדשים.** דאס איז די הייליגסטע פלאץ.

**הלכות תפילה פרק ה: כיוון התפילה, תיקון הגוף, ותיקון המלבוש**

**הלכה ג (המשך) — כיוון התפילה: דרגות בקדושה**

### Speaker 1:

אויב ער איז אין מערב, די געגנט וואלט געווען מערב, וואלט נישט געווען קיין חילוק, ער וואלט זיך געדרייט towards מזרח.

**היה עומד בחוץ לארץ, מכוון פניו כנגד ארץ ישראל. היה עומד בארץ ישראל, מכוון פניו כנגד ירושלים.**

ס'איז דא דרגות, ער רעדט דא פון דרגות אין קדושה, יא? קודם towards ארץ ישראל, כנגד ירושלים.

**היה עומד בירושלים, מכוון פניו כנגד המקדש. היה עומד במקדש, מכוון פניו כנגד בית קדשי הקדשים.**

דאס איז די הייליגסטע פלאץ דארט.

יא, אינטערעסאנט. דאס איז דער צענטער פון די וועלט. דארט איז די מקום השכינה, און דו גייסט צו די פוינט וואו דו גייסט צו די מקום השכינה.

**דער דין פון סומא און מי שאינו יכול לכוין את הרוחות**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, וואס טוט זיך סומא, איינער וואס איז בלינד און ער זעט עניוועי נישט די בית המקדש? אה, אינטערעסאנט, ס'איז א חילוק צווישן סומא אדער איינער וואס זעט יא, ביידע זעען נישט די בית המקדש. אה, ער קען אפילו נישט זען וועלכע זייט איז מזרח.

**סומא או מי שאינו יכול לכוין את הרוחות,** איינער וואס איז נישט גוט מיט דעם, ער האט נישט די orientation פון וויסן וואו ער איז. ער האט נישט קיין קאמפאס, בעיסיקלי. **או המהלך בספינה,** איינער איז אויף א שיף און ער ווייסט נישט וואו ער איז, וועלכע זייט, **יכוין לבו כנגד השכינה ויתפלל.** דעמאלטס זאל ער מכוון זיין זיין הארץ.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "כנגד השכינה"?**

דאס איז אינטערעסאנט. כנגד השכינה. לכאורה מיינט ער כנגד מקום השכינה בליבו, ווייל כנגד השכינה דארף דאך יעדער. ניין, דו זעסט מסתמא אזוי ווי, איז וואו איז די שכינה? זאגט מען אז די שכינה איז ביי די קדשי קדשים. אבער אויב האסטו נישט, דו ווייסט נישט וואו די קדשי קדשים איז, זאגט ער די שכינה באשר היא שם.

ניין, ניין, קוק וואס ער ברענגט די פירוש המשניות במפורש. די לשון המשנה איז "יכוין את לבו כנגד בית קדשי הקדשים", און דער רמב"ם האט עס אויסגעטייטשט אלס "כנגד השכינה". אפשר האט ער עס געטוישט דא?

דו מיינסט צו זאגן אז דו שטעלסט דיך פאר אז דו גייסט קעגן די... די "יכוין את לבו" איז נישט די "יכוין את לבו" פון כוונה וואס מ'האט געלערנט פריער אז יעדער איינער דארף מכוון זיין "כאילו שכינה כנגדו". דאס איז די פלאץ ווייטער. "יכוין לבו" איז מכוון זיין צו די פלאץ. דו דארפסט זיך אימאדזשינען, קען מען זאגן. אדער איז אפשר אזוי ווי דו זאגסט, אז די שכינה איז "כביכול" אין סיי וועלכע זייט, און ער זאל מכוון זיין זיין הארץ אז ער בעט קעגן די שכינה, wherever די שכינה איז. די שכינה איז נישט דוקא א זייט.

און דער רמב"ם האט עס געטוישט פון "כנגד בית קדשי הקדשים" צו "כנגד השכינה", ווייל ער האלט אז דער רמב"ם האט געזאגט אז דו ביסט נישט מחוייב צו וויסן די דירעקציע פון די בית קדשי הקדשים, דו ביסט שייך אבער צו כנגד השכינה. דעמאלטס דארף מען זאגן אז דער רמב"ם האט געטוישט. פשט פון די פירוש המשניות ביז דא. קען זיין? יא, ס'קען זיין. נישט קלאר.

מיט אנדערע ווערטער, אויב מ'קען מאכן בלבו, אויב מ'קען נישט במעשה, זאל מען מאכן בלבו. אקעי.

**הלכה ד — תיקון הגוף: וויאזוי מען דארף שטיין**

### Speaker 1:

תיקון הגוף, די דריטע זאך, יא? דאס איז געווען וועלכע דירעקשאן מ'דארף שטיין. יעצט קומט אן ענין וויאזוי מ'דארף שטיין, בעיסיקלי, רייט? די תנוחה, די, ווי זאגט מען, די פאסטשער.

יא, תיקון הגוף זאגט דער רמב"ם, כיצד? זאגט דער רמב"ם, **כשיעמוד בתפילה,** ווען מ'מאכט אן עמידה בתפילה, **צריך שיכוון את רגליו זו בצד זו.** ס'דארף זיין מכוון, מ'דארף זיין מכוון את לבו, מ'דארף זיין מכוון פניו כנגד, מ'דארף זיין מכוון... מכוון איז ליטעראלי צו אויסגראדן. מכוון איז די נעמען אוו די געים ביים דאווענען. יכוון רגליו, אויסגראדן זיינע פיס זו בצד זו.

**ונותן עיניו למטה כאילו הוא מביט לארץ,** אראפקוקן, דאס איז אן הכנעה'דיגע קוק.

וואס איז די אידיע פון זו בצד זו? די גמרא שטייט אז ס'איז וועגן די מלאכים. אזוי שטייען די מלאכים. איך מיין אז ס'איז מער אז ס'איז וועגן די מלאכים... ס'איז אן ענווה'דיגע וועג צו שטיין. מ'שטייט נישט אזוי, מ'שטייט נישט אזוי. מ'שטייט נישט... מ'גייט נישט מיט'ן גיין, מ'גייט נישט מיט'ן שטיין. מ'שאקלט זיך נישט, מ'שטייט גראד.

**ונותן עיניו למטה כאילו הוא מביט לארץ. ויהיה לבו פנוי למעלה כאילו הוא עומד בשמים.**

קענסטו מיר זאגן וואס דאס מיינט?

**דיסקוסיע: "לבו פנוי למעלה" — וואו איז דער מענטש?**

### Speaker 2:

יא, לאמיך דיר זאגן. כפשוטו. מ'דארף טראכטן אז מ'איז ליטעראלי אין די הימל. וואס מיינט וויאזוי איז א מענטש? אראפקוקן, כאילו מביט לארץ, כאילו ער קוקט אויף די ערד. דאס איז די תנוחה פון די גוף, נישט אנדערש. אבער ער זאל זיך נישט פילן צו קליין, ער זאל זיך פילן אז...

### Speaker 1:

ניין, דאס איז א שיינע טייטש אויך. אבער וואס איז די טייטש וואס קען לויט'ן רמב"ם מיינען "ויהיה לבו פנוי"? דו געדענקסט "לבו פנוי" איז איינע פון די רמב"ם'ס קאודס, רייט? "לבו פנוי למעלה". "לבו פנוי" מיינט וואו טראכטסטו. וואס דער בעל המאמר זאגט, וואו איז דער מענטש? וואו ער טראכט, יא? וואו טראכטסטו? אז דו ביסט אין הימל. הימל מיינט דאך צו זאגן צווישן די מלאכים, צווישן די... כנגד השכינה, עקזעקטלי. ער טראכט נישט אז ער איז דא. טראכטסט, אז דו ביסט... אז דו טראכטסט וועגן דעם, ביסטו. דאס איז דאך די טייטש.

### Speaker 2:

דאס איז א לשון הגמרא, "עיניו למטה ולבו למעלה". כאילו, אפשר מיינט עס צו זאגן, ווייל דעם... "עיניו למטה" איז אן ענין לכאורה פון די הכנעה, זאלסט נישט ארומקוקן. אבער זאלסט נישט מיינען אז כאילו דו זאלסט טראכטן אז דער אייבערשטער איז אויף דער ארץ. דאס איז נישט די זאך. נאר כאילו, לבו למעלה.

### Speaker 1:

איך געדענק אז ס'איז דא א שיינע דרשה פון דער תלמיד רבינו יונה, איך געדענק נישט וואו, ער האט אנגעקוקט אין די גמרא אויף דעם, וועגן "לבו למעלה". איך מיין אז מען קען עס לערנען על פי יסודו של הבעל שם טוב, אז וואו מען טראכט דארט איז מען. אבער אפילו מען קען עס זאגן ממש אן

אימעדזשינעישן, כאילו אז א מענטש אימעדזשינט זיך, אזוי ווי מען זאגט אז מען קען מכוון זיין לבו כאילו ער איז אין קודש הקדשים. מען קען זיך אימעדזשינען אז ער איז נהנה צווישן די מלאכים וואס זינגען צו דער אייבערשטער וכדומה. ס'קען זיין אן אימעדזשינעישן אזוי.

**המשך תיקון הגוף: מניחת הידיים**

## Speaker 1:

**ומניח ידיו על לבו כפותות.** אז ער לייגט זיינע הענט, ביידע הענט איינס אויף די אנדערע. אזוי ווי כפותות מיינט מחבר, אזוי ווי ער האט ארויפגעלייגט איין האנט אויף די אנדערע. **הימנית על השמאלית.** ער לייגט די לינקע האנט אויף די הארץ, און אויף דעם לייגט ער זיין רעכטע האנט.

זענען דאס נישט מקפיד געווען אזוי אין הלכה? היינט זענען סאך מענטשן נישט מקפיד. אקעי, ס'קען זיין אז ס'איז שווער מחנך צו זיין וכדומה, אבער...

**ועומד כעבד לפני רבו באימה וביראה ובפחד.**

דאס איז אויך פאסטשער, אדער דאס איז נאך עפעס? ווייל לכאורה, דאס שטיין גראד און מיט די הענט צוזאמגעלייגט און לבו למעלה, דאס איז די עומד לפני רבו באימה וביראה. ס'איז נישט קיין סתירה.

**ולא יניח ידיו על חלציו.** ער זאל נישט לייגן זיין האנט אויף זיין זייט פון די אקסל. ס'מיינט אזוי, רייט? יא, אויף זיין וועיסט. אזוי ווי איינער וואס איז א בעל גאוה שטייט. נאר... בעצם, איינמאל ער האט געזאגט אז די הענט דארפן זיין כפותות, איז דאך פשוט אז "ולא יניח ידיו על חלציו". אבער ס'איז דא אזעלכע לכתחילה'ס. די מערסטע לכתחילה איז אז ס'זאל זיין ידיו כפותות.

**דיגרעסיע: פריסת כפיים ביי תפילה**

## Speaker 1:

ס'איז דא איין שאלה פון... ר' קאפיל ברענגט די שאלה פון... איך געדענק נישט ווער, איך וועל זען, ר' יעקב עמדין רעדט וועגן דעם, אז לכאורה אין חומש און אין נ"ך זעט מען אז מען דאווענט בפריסת כפיים, מיט אויפהייבן די הענט. זעט מען אבער נישט אין הלכה אז ס'זאל שטיין אזא זאך. ס'שטייט מער אז מען זאל אראפלייגן די הענט אזוי. אזוי, יא. דער כוזרי ברענגט א תשובה פון איינער פון די אחרונים וואס האט גע'טענה'ט אז ווייבאלד די נוצרים האבן אנגעהויבן צו דאווענען אזוי און פירן זיך זייער שטארק צו דאווענען אזוי מיט די הענט ארויפגעווארפן, האבן די אידן עס אויפגעהערט צו טון. רבי יעקב עמדין איז נישט העפי מיט דעם תירוץ. ער זאגט אזוי, איך געדענק נישט וואס זיין תירוץ איז דארט, אויב ער האט א תירוץ, אבער...

עס איז אן אינטערעסאנטע זאך, עס איז ממש א וועג פון תפילה וואס מען זעט כסדר אין די חומש, און מען זעט נישט.

**חזרה צו תלמידי רבינו יונה: "לבו למעלה"**

איך וויל נאר... דער רמב"ם מיינט לכאורה דא, אין תלמידי רבינו יונה איז דא א פירוש אויף די ערשטע פרק ברכות, דארט שטייט אזוי, וואס הייסט "לבו למעלה"? "כלומר שיחשוב בלבו כאילו עומד בשמים, ויסיר מלבו כל תענוגי העולם הזה וכל הנאות הגוף, כענין שאמרו הקדמונים, או הנביאים, כשאתה רוצה להתפלל, פשוט גופך והעלה נשמתך".

און נאכדעם זאגט ער אן אנדערע טייטש, "לבו למטה, עיניו למטה", זאל דאווענען אויף צום בית המקדש. דאס איז נישט דער רמב"ם'ס טייטש. דער רמב"ם'ס טייטש איז "עיניו למטה" כפשוטו. מפי מורי הרב רבינו יונה. אבער דאס מיינט פשטות הגשמיות. נאר טראכטן פון די נשמה און נישט פון די... יא, דאס מיינט נישט פשטות, דאס מיינט כפשוטו, אז דאס טראכט ער. עס איז נישט אזוי קאמפליקירט.

דאס איז די פשט. אבער רבינו יונה זאגט אז נאכדעם וואס מען איז זיך משלח פון גשמיות, דארף מען אריינגיין אין בית המקדש של מטה. דאס ווייס איך נישט אויב דער רמב"ם וואלט מסכים געווען. אונזערע ספרים זאגן אז מען דארף האלטן אז דער בית המקדש של מעלה איז מכוון כנגד בית המקדש של מטה, און מען דארף דאווענען דארט. אבער שוין.

**חידוש: דער רמב"ם זאגט נישט פארמאכן די אויגן**

דער רמב"ם זאגט אז מען זאל נישט פארמאכן די אויגן, דו האסט באמערקט? "עיניו למטה". דאס הייסט, די אויגן זענען מער ווייניגער פארמאכט, און דו קוקסט אויף אראפ. ניין, דו קוקסט נישט ארום, דו פארמאכסט נישט אזוי. רייט. אינטערעסטינג. אקעי, לעטס קאנטיניו.

**הלכה ה — תיקון המלבוש**

## Speaker 1:

יא. דאס איז די תיקון הגוף, יא, וויאזוי מען דארף שטיין. נאכדעם איז דא תיקון המלבוש, וויאזוי מען דארף זיך אנטון, דאס איז די פערדע זאך.

תיקון המלבוש, כיצד? זאל דאווענען... אה, די אלע זאכן זענען נישט מעכב. די פשט איז מסתמא די זעלבע זאך, אויב עס איז שווער פאר א מענטש צו שטיין אזוי וכדומה, דארף ער עס נישט טון. עס איז אויך דא מדרגות. עס איז דא מדרגות פון עומד לפני... דאס איז א תיקון הגוף. די בעסטע איז, אזוויי ער זאגט, אטליסט נישט לייגן יד על החלצים.

תיקון המלבוש קודם התפילה. **מתקן מלבושיו תחילה,** מען גרייט זיך אן די מלבושים, **ומציין עצמו ומהדר.** מען טוט זיך אן שיין, מען פוצט זיך אפ, "התקשטו ישראל בציניהם". מען טוט זיך אפס אן, אז מ'זאל זען אז דאס איז א דאווענענדיגע בעקיטשע. ומהדר, מען מאכט זיך שיין, **שנאמר "השתחוו לה' בהדרת קודש",** מיט א שיינקייט.

איז ער ממשיך, ער גייט ברענגען די גמרא, **"ולא יעמוד לתפלה באפונדתו".** ער זאל נישט שטיין דאווענען ווען ער איז אנגעטון מיט זיין רענצל. יא, אפונדתו מיינט עפעס וואס מ'טראגט, א מלבוש וואס האט גרויסע טאשן. אדער מיינט עס אזא בערזל זאך, אדער מיינט עס אזא אינטערהעמד, עפעס א זאך וואס איז נאר נישט קיין קורצע, נישט קיין מכובד'יגע זאך.

**"ולא בראש מגולה",** נישט מיט אן אפענעם קאפ. א גאנצן טאג דארף מען גיין מיט א קאפל, אבער ביים דאווענען דארף מען אנטון א קאפל.

**"ולא ברגלים מגולות",** נישט קיין אפענע, אן קיין זאקן, אפענע פיס, **"אם דרך אנשי המקום שלא יעמדו לפני הגדולים אלא במנעלים".** אז אויב איז אין יענעם פלאץ איינגעפירט אז ביי א מקום חשוב, ווען מ'פארט אויס פון אן אדם גדול, טוט מען זיך אן אין זאקן, ווייסטו אז דאס איז דער ענין פון כבוד.

**דיסקוסיע: "ראש מגולה" — תלוי במנהג המקום?**

## Speaker 2:

זאגט דער רמ"א, "ובכל מקום לא יאחז תפלין בידו". מ'זאל נישט האלטן... דאס איז די זאכן פון גיין, אפשר ראש מגולה איז אויך תלוי אין מנהג המקום?

## Speaker 1:

ניין, ער זאגט "אלא במנעלים". דאס איז לפי די מנהג, וואס איז אנגענומען ביי די חשוב'ע אנשים חשובים. אבער אין א שום פלאץ טוט מען נישט א זאך וואס איז מטריד, וואס איז נישט קיין... זאלסטו זען, ווייל דאס האט נישט ממשיך צו טון מיט מלבוש, אבער ס'קען האבן צו טון, ער זאגט אפונדתו, איז טייטש מהדר בערזל מיט זיך.

אקעי. ער זאגט דיר ווייטער, מ'זאל נישט האלטן א חשוב'ע זאך אין די הענט, ווייל ס'נעמט אוועק די רואיגקייט פון די קאפ, ווייל ער דארף וואטשן ס'זאל נישט אראפפאלן, ער גייט זיך נישט קענען מסלק זיין. **"בכל מקום לא יאחז תפילין בידו, או ספר תורה בזרועו."**

**קשיא: דוד המלך און דער ספר תורה**

דוד המלך איז געווען א איש אשר לבב תורה, זיין לעבן איז תורה, ער טראכט נאר אין דעם. ס'איז דאך לכאורה א מלך וואס האט געהאט אייביג א

ספר תורה, ער האט עס אויסגעטון פאר'ן דאווענען, ער האט עס אראפגעלייגט פאר'ן דאווענען. אויב ער האט עס געהאלטן, אפשר האט ער עס געהאט אנגעטון עפעס ווי א קייטל.

**הלכות תיקון המלבוש והמקום לתפילה**

**המשך הלכות תיקון המלבוש — האלטן זאכן אין די הענט בשעת תפילה**

ער זאגט ווייטער, מ'זאל נישט האלטן א חשוב'ע זאך אין די הענט, ווייל ס'נעמט אוועק די רואיגקייט פון די קאפ, ווייל ער דארף וואטשן עס זאל נישט אראפפאלן, ער גייט זיך נישט קענען מתלבש זיין. **חמקו מלאחוז תפילין בידו, או ספר תורה בזרועו**, נאר אויב ליבו טרוד אין דעם, ער טראכט וועגן דעם.

ס'איז דאך לכאורה א מעלה וואס ער האט אייביג א ספר תורה, ער האט עס אויסגעטוהן פאר'ן דאווענען, ער האט עס אראפגעלייגט פאר'ן דאווענען. אויב ער האט עס געהאלטן, אפשר האט ער עס געהאט אנגעטוהן עפעס וואס ער האט געדארפט טראגן. **ולא יאחז מזוזה בידו**, ס'איז דאך עניטיים ס'קען זיך צוברעכן, ער דארף עס האלטן חשוב, זאל ער נישט האלטן אין די הענט ווייל ס'וועט אוועקנעמען זיין פאוקעס אויף דאווענען.

**די אויסנאם פון לולב — מצות היום**

**אבל מתפלל ולולב בידו**, ער ברענגט דאך א ראיה פון דא, דו קענסט זען אז לולב איז אויך מטלטל, אבער לולב קען מען יא האבן, איי **שזה מצות היום**. פשט איז, וויבאלד ס'איז מצות היום, איז ער שוין צוגעוואוינט צו דעם, ער האלט עס די גאנצע צייט אין יום טוב, ממילא האט ער נישט די... נעמט עס אים אוועק די קאפ, נישט עכט, אדער ווייל יעצט איז עס א דבר חשוב, ממילא איז דא א היתר? נישט קלאר.

ער ברענגט א ראיה אז וויבאלד ס'איז א מצוה, איז עס נישט אזוי מטריד. איך פארשטיי נישט דאס. איך וואלט געזאגט אנדערש, איך וואלט געזאגט אז פשט איז, ס'איז א חלק פון... מ'האלט נישט א זאך וואס שטערט פאר די דביקות, ס'שטערט פאר כוונת התפילה. לולב איז דאך די זאך וואס מ'דאווענט מיט דעם, מ'זאגט הלל מיט דעם, דאס איז א חלק פון די תפילה, מצות היום.

ער צייכנט צו די גמרא אז מנהג אנשי ירושלים האבן געהאט די לולב א גאנצן טאג, הולך לנחם אבלים, לבקר חולים, וואו ער איז געגאנגען האט ער דאס מיטגענומען. פשט איז אז פאר די פאר טעג האט עס אים בכלל נישט מבולבל געווען, ער איז שוין געווען אנגעפירט אזוי, ער איז שוין צוגעוואוינט צו דעם סטייל, ממילא איז עס נישט מבולבל.

אבער סתם אזוי אין יום טוב, זעט אויס ווייל ס'איז א מצוה, ממילא... אפשר ווייל ס'איז א מצוה איז עס אנדערש. אפשר איז די טרדה נישט קיין טרדה וואס איז אפגעטיילט פון דאווענען, אז ס'שטערט. די טרדה אליינס איז אויך א מצוה'דיגע טרדה. ער גייט קוקן דערויף, ער גייט זיך דערמאנען אה, ס'איז א טאג פון דאנקען דעם איבערשטן פאר די לולב.

**משא על ראשו — שווערע זאכן אויפ'ן קאפ**

**או משא על ראשו**, פריער האט ער געזאגט אז מ'טאר נישט האבן קיין... אנטבלויזט די קאפ. אבער אויב האט מען זייער א שווערע שטריימל אויף זיין קאפ, ווי גיסט מיין תפילה. יא, ער רעדט נישט פון א שטריימל, ער רעדט פון... ער זאגט אזוי, ער זאגט אזוי, אויב ס'איז **פחות מארבעה קבין**, אזויווי די פארצייטישע שטריימלעך, פשיטא לכאורה אז מ'מעג מתפלל זיין. אבער די היינטיגע שטריימלעך וואס ס'וועגט א טאן, ס'איז huge, קען מען נישט דאווענען אזוי. און אויב איך האב א קרקפתא, איך קען נישט מתפלל זיין, זאל מען אויסטון די שווערע לאסט פון קאפ.

אבער פשטות מיינט ער אזויווי ווען מ'זעט אין אראבישע פלעצער אז מענטשן האלטן, ס'איז נארמאל אז א מענטש זאל האלטן זאכן אויף זיין קאפ. אין די הענט האלט מען נאר א גרינגע בעג. גאר א שווערע זאך לייגט מען א זאק אויפ'ן קאפ. ס'איז זייער גוט, ס'איז גרינגער צו טראגן זאכן אויפ'ן קאפ ווי פון די הענט. אבער ס'איז דאך אן עול פון טרייסא. אויפ'ן קאפ איז דא א פראבלעם, ס'באלאנסירט נישט.

קיצור, דאס איז לאו דוקא א נושא וואס שטערט פון דאווענען. ער זאגט אז ס'איז מער א נושא פון כבוד. דו קענסט טראכטן אז ס'איז א נושא פון טירדא. די אלע זאכן, כבוד מיט טירדא, דאס זענען זאכן וואס זענען קאנעקטעד. אבער דאס איז די זאך. און הכי נמי, אויב ס'איז איינעם שטארק שווער די שטריימל, זאל ער עס אויסטון. דאס איז די שאלה.

**עטיפה — דרך חכמים ותלמידיהם**

**דרך כל חכמים ותלמידיהם איז להתפלל ערליך שיהיו עטופין.** ער טייטשט, ס'ווערט ארומגענומען מיט א טלית, ווייל מצות ציצית האט א שייכות מיט דאווענען. דאס איז א ריזיגע זאך צו דאווענען מיט א שטריימל. ס'איז ענליך צו לילה וואס ער האט געזאגט. אבער עטיפה איז מער אן ענין פון כבוד, אז מ'טוט זיך אן א הוט. אויך כבוד האט ער געזאגט, ווייל ס'איז א מצוה פון ציצית. די שאלה איז וואס דו מיינסט דוקא מיט ציצית. קען זיין אז מ'טוט זיך אן א הוט, איז אויך די נושא פון עטיפה. א הוט, א שטריימל, א כיסוי ראש, איז א דרך כבוד. ס'איז א ספעציעלע דרך כבוד.

און שפעטער, בנוגע ציצית, שרייבט די רמ"א, **"לעולם ישתדל אדם להיות עטוף בכסות המחוייב בציצית, ובשעת התפלה צריך להזהר ביותר. גנאי לתלמיד חכם שיתפלל והוא אינו מעוטף בציצית."** ס'איז א גנאי פאר א תלמיד חכם. ער זאגט דאך אויך תלמיד חכם. א תלמיד חכם דארף גיין אנטון ציצית ווען ער דאוונט, ווייל ער ווייסט די מצוה. א עם הארץ ווייסט נישט, ער ווייסט אז ס'איז א נוסח פון גיין ציצית. אבער א תלמיד חכם ווייסט אז דאס איז א מצוה וואס ער קען אריינכאפן נאך א מצוה.

אזוי קען ער האבן אויך א רעספעקט, אז ער גייט מיט א טלית. ער גייט מיט א טלית, ס'איז א כבוד.

**דיסקוסיע: עטיפה ביי מנחה און מעריב**

און וואס איז מיט מנחה און מעריב? אויך האט דער רמב"ם סתם נישט געמאכט א חילוק? דארף גיין ביי מנחה און מעריב אויך מיט א טלית? מעריב איז לאו זמן ציצית, אבער לכאורה מנחה יא, און ער זאגט נישט. ער רעדט פון די מצוה אדער פון די עטיף פון די... פון די...

די שאלה איז, איז דאס בעיקר א תיקון המלבוש, אדער איז דאס עפעס אן עקסטערע זאך פון האבן נאך א מצוה, אז ער קובע'ט די סעודה ברוב מצוות, עפעס אזוינס?

ניין, ס'איז א כבוד אז מ'גייט מיט די מצוות. ס'איז א בגד וואס א איד גייט. מ'קען דאס צושטעלן אזויווי דו האסט געזאגט לגבי לילה.

די רגע וואס מיר פירן זיך אז מ'גייט אין דער פרי מיט א טלית, אבער ביי מנחה מיט א הוט, איזביידע איז עטיפה. אין דער פרי איז לויט די פשט, און די הוט איז בעצם די עטיפה פון די... אבער דאס איז נאר א חכם ותלמידיו. סתם א איד דארף נישט קיין הוט ביים דאווענען, אזוי שטייט אין רמב"ם.

אקעי. ביז דא איז געווען הלכות תיקון המלבוש. יעצט גייען מיר לערנען וועלכע פלאץ איז גוט צו דאווענען.

**הלכה ו — תיקון המקום**

זאגט דער רמב"ם, וואס איז די תיקון המקום? וויאזוי דארף די פלאץ זיין צוגעגרייט?

**יעמוד במקום נמוך**

זאגט דער רמב"ם אזוי: **"תיקון המקום כיצד? יעמוד במקום נמוך"**, מ'זאל שטיין אויף א גראדע, נידריגע פלאץ. די גמרא זאגט **"ממעמקים קראתיך ה'"**. איך ווייס נישט פונקטליך וואס דער רמב"ם גייט צו זאגן, אבער מ'זעט אז דארט איז די מערסטע רואיג, ווייל ער קען נישט פון דארט פאלן. ווען ער שטייט אויף עפעס א בערגל אדער אויף א בענקל, קען ער פאלן. אקעי, "מקום נמוך".

**ויעמיד פניו לכותל**

**"ויעמיד פניו לכותל"**, אזוי אז קיינער זאל אים נישט דורכגיין, ער זאל נישט האבן קיין דיסטרעקשנס.

### חלונות כנגד ירושלים

זאגט דער רמב"ם, מ'דאווענט טאקע קעגן די כותל, אבער ס'איז דא אן ענין פון דאווענען כנגד ירושלים. זאגט ער, **"וצריך לפתוח חלונות או פתחים כנגד ירושלים כדי להתפלל כנגדן, שנאמר 'וכוין פתיחן ליה'"**. ביי דניאל שטייט, די פענסטער זענען געווען אפן **בעלייתו**, אויף זיין שטאק, נגד ירושלים. ס'הייסט אז ער האט געקוקט אויף ירושלים.

### דיסקוסיע: חלונות כנגד ירושלים — ליכטיגקייט אדער כיוון?

ס'איז דא אן הלכה, איך האב א פענסטער אויף די זייט. אין בבל קען איך הערן, בבל איז נישט אזוי ווייט, און ער האט אפשר געוואוסט אז ער עפנט יענע פענסטער, ווייסט ער אז דא גראד איז ירושלים. אבער ער עפנט א פענסטער אין אמעריקע און ער טרעפט זיך אין ירושלים... פיר טויזנט מייל, נישט אזוי ווייט, פיר טויזנט מייל. די זעלבע קאנטינענט, אט ליעסט, איך בין מסכים.

ער זאגט, דער רבינו מנוח, אז די חלונות איז מער **כדי שתשמח הנפש.** ער ברענגט אז ביום המעונן, אז אויף א וואלקנדיגע טאג האבן זיי נישט געוואלט זאגן תחנון, ווייל דער מענטש איז פאר'חמאר'עט, ס'איז א שחור'דיגע מצב. מאכט מען אויף די פענסטער, די זון שיינט אריין, דעמאלטס איז געשמאק צו דאווענען.

ער האט געזאגט אזוי, אויב דו ביסט אין א הויז, איז נישט גוט זאלסט האבן א ליידיגע שטח אין פראנט פון דיר, ווייל איינער גייט אריבערגיין. אבער אויב ביסטו ביי א פעלד וואו מענטשן דרייען זיך נישט, ס'איז נישטא ווער ס'זאל אריבערגיין אין פראנט פון דיר, גייט דיך דיסטרעקטן, אויף דעם איז געשטאנען קנעגד ירושלים, **ויחזיר פניו לכותל.** אויב גייסטו נישט האבן קיין דיסטרעקשענס, איז עס יא א גוטע זאך, א ישוב הדעת צו האבן א ליידיגע שטח.

איך מיין אז דו ווילסט זאגן אז ער דאווענט דאך קעגן ירושלים, קומט אויס אז ער דאווענט מזרח, דארף אין די זעלבע זייט זיין זיינע חלונות. ס'איז טאקע נישט. יא, מ'רעדט זיך דא, ער דארף האבן חלונות. ס'איז נישט קיין סתירה, ס'קען זיין סתם א חלון, ער דאווענט אויף די זייט, ס'קען זיין סתם א חלון מיט א קורטין, אבער ס'קומט אריין די ליכטיגקייט, ער ווערט נישט געשטערט פון די מענטשן.

די שולן טאקע האבן נישט ליב צו לייגן פענסטערס אין מזרח, ווייל זיי האלטן אז ס'שטערט. אבער די משנה ברורה, **ויחזיר פניו לכותל**, זאגט דאס, אז מ'זאל נישט האבן קיין שום זאך אין פראנט פון דיר. **לפתוח חלונות** מיינט אויך באופן וואס דו ווערסט נישט געשטערט. אבער ס'איז נישט קיין סתירה, יעדער איינער פארשטייט, מ'דארף נוצן מיט שכל. אויב ס'איז פונקט א פלאץ וואס אין פראנט פון דעם איז א סטאר, זאל מען וואטעווער, מ'דארף נוצן די שכל וויאזוי.

### קובע מקום לתפילה

נאך א הלכה. די הלכה שטייט אין די גמרא, זאל א מענטש **קובע זיין מקום לתפלתו תמיד**, זאל אייביג שטיין בערך די זעלבע פלאץ.

אה, סאו דאס איז די טייטש, אז ער רעדט, דרך אגב, מ'האט געלערנט די וואך אין ספר המאור שאין לו ערוך, אין איינע פון די גליונות פון בית המדרש אין ulu. די אלע הלכות, וואס דו וועסט לערנען שפעטער תפילה בצבור, א גאנצע פרק אויף דעם, וואספארא ענין איז צו דאווענען אין דער היים. דאווענען אין דער היים, עפען א פענסטער. זאגט ער, דאווענען אין דער היים, א מענטש דאווענט געוועהנליך מען האט נישט קיין צייט צו גיין נישט יעדן טאג. סאו, איך האב א געוויסע פלאץ אין זיין הויז איז דא א שטיקל בית המדרש'ל. מיין טאטע האט מיר געזאגט, ער האט געדענקט אז זיין טאטע האט געהאט א געוויסע קלאזעט, דארט פלעגט ער דאווענען מעריב. ס'איז א קובע מקום לתפילתו.

### דיסקוסיע: קובע מקום — אין בית המדרש אדער אינדערהיים?

זייער גוט. אין בית המדרש איז שווין א מקום קבוע. די גאנצע פלאץ איז א מקום קבוע. ס'איז א גאנצע טעמע אויב א מענטש האט א געוויסע פלאץ אין זיין בית המדרש, אבער ס'איז לאו דווקא. קען זיין אז א מקום קען מיינען אז ער גייט אין די זעלבע בית המדרש, נישט אין שול האפנטליך, ווייל דאס ברענגט אויף א רואיגקייט.

ס'איז דא א מחלוקת, ס'איז אינטערעסאנט, די כתב סופר ברענגט א מחלוקת וועגן דעם. ער ברענגט א רא"ש, און די רא"ש ברענגט א ירושלמי אז אין די בית הכנסת זאל מען האבן א פלאץ. אבער ער אליין זאגט ער פארשטייט נישט, די גאנצע בית הכנסת איז א מקום תפילה. ס'מיינט צו זאגן אז ווען ער דאווענט אינדערהיים, וואס מיר האבן גערעדט, ווען ער דאווענט אינדערהיים זאל ער מאכן א פלאץ. און זיי דינגען זיך פלאן אין ירושלמי.

סאו, אויב ער האט זיך געטווישט א פלאץ אין שול איז ער אפשר יוצא אלע שיטות, אבער ס'איז דא זיכער בעלי דעות וואס האבן געהאלטן אז ס'פעלט נישט אויס.

אקעי. ווייטער, זאגט די רמ"א, אויב ס'קומט א גאסט אדער אזא סארט זאך, זאל מען זאגן אז מ'דארף נישט מקיים זיין די מצוה פון קובע מקום. ס'איז דא ראשונים וואס זאגן אז קובע מקום מיינט די זעלבע שול. נישט קיין זאך וואס שטערט די כוונות, חלילה, א מקום תפילה.

### אין מתפללין בחורבה

זייער גוט. **ואין מתפללין**, זאגט די רמ"א ווייטער, **אין מתפללין לא בחורבה.** מ'דאווענט נישט אין א חורבה. די גמרא זאגט פאר דעם צוויי סיבות: אדער ווייל ס'איז א מקום מסוכן, ס'קען צופאלן, אדער וועגן חשד. אין א חורבה גייט מען טון שעדי ביזנעס. דו גייסט דארט דאווענען. אה, ווייטער רעדט מען דאווענען ביחידות, נישט ווען ס'איז א מנין אין א חורבה. די אלע חורבה'שע רבי'ס, ער דאווענט נישט אין א נארמאלע פלאץ, ער דאווענט ווען ער טרעפט זיך ערגעץ א חורבה.

רבינו יונה זאגט אז דאס וואס שטייט אז מ'טאר נישט טון צוליב חשד, מיר געדענקען אז מיר האבן געלערנט אין הלכות תשובה אז **החושד בכשרים לוקה**, מ'טאר נישט חושד זיין א צווייטן איד. זאגט ער, דאס איז ווען יענער טוט נישט גארנישט וואס איז מחשיד. אבער דו מאכסט א זאך וואס איז מחשיד, ביסטו א לוקה. דו האסט געמאכט אז אנדערע אידן זאלן חושד זיין א צווייטן איד. נו נו, אזוי זאגט ער. דאס איז א גרויסע עבירה, דו טארסט נישט לאזן מאכן אויף זיך א חשד, ווייל דו מאכסט א איד מיט די עבירה פון חושד זיין.

### ולא אחורי בית הכנסת

אקעי. **ולא אחורי בית הכנסת.** מ'דאווענט נישט אין בעק פון א שול, **אלא אם כן נושא פניו לבית הכנסת.** נאר אויב ער דאווענט מיט די פנים צו די שול. איינער פון די מורדים, אז ער דרייט זיך אויס, ער שטייט אינדרויסן און נישט פנים אל פנים קעגן בית הכנסת. איך טראכט אויך אז די נושא פון פני החשד, איך טראכט נישט פון די נחת, איך וועל זאגן פאר'ן מענטש.

וואס הייסט, דער מענטש, יעדע מאל ווען א מענטש גייט אדורך א נייע גייט אין א חדר, טראכט ער אפשר דאס איז דא א פסול, אפשר דאס איז נישט גוט. אבער די טראכט, איך מיין אז א שיינע וועג פון זאגן פאר'ן מענטש,

## תיקון המקום, תיקון הקול, וכריעות בתפילה

### הלכה: נישט דאווענען מיט דעם רוקן צו בית הכנסת

**Speaker 1:** אקעי. **"ולא יחזור בית הכנסת"**, ער זאל נישט דאווענען אין בעק פון א שול, **"אלא אם כן פניו לבית הכנסת"**, נאר אויב ער דאווענט אויך מיט די פנים צו די שול. דאס הייסט, ער דרייט זיך אויס, ער שטייט אינדרויסן און נישט פנים כנגד בית הכנסת.

איך טראכט אויך אז די נושא פון "מפני החשד", איך האב געטראכט וועגן דעם נעכטן, ס'איז פשט אז וואס הייסט, דער מענטש זאל יעדע מאל וואס א מענטש גייט דארט, איינער גייט אין א חורבה, טראכט ער אפשר דארט איז דא פת זונות? סאו וואס איז געווארן די חשד? איך מיין אז ס'איז א שיינע

וועג פון זאגן פאר מענטשן, מען זאל דיך טאקע חושד זיין, טו עס נישט. ס'איז א מקום נסיון. כאילו ווען מען זאגט פאר א מענטש, טו נישט מפני החשד, מיינט מען צו זאגן, דאס איז א סארט מעשה, גיי נישט אריין אין פלעצער וואו דו קענסט זיך טאקע טרעפן אין א חשד. איך מיין אז ס'איז פשוט א לשון נקיה אזא.

**הלכה: נישט זיצן לעבן א מתפלל**

**Speaker 1:** אקעי. **"ואסור לישב בצדו של העומד בתפלה"**. נאך א נייע הלכה. א מענטש דאווענט, יא, דא רעדט מען וועגן א לעבעדיגע דאווענער. אהא. כדי דער וואס דאווענט זאל האבן א מקום וואס ס'איז נישטא דערינען קיין שטער, זאלסטו נישט זיצן גלייך לעבן אים, ווייל דו נעמסט אויך אוועק פון זיין פריוואטקייט, פון זיין... **"אוי לאחריו ולפניו"**, אדער וואס דו דארפסט גיין פלאדאו זאל איך וועגן, **"עד שירחיק ממנו ארבע אמות"**. דאס הייסט, דו שטערסט פאר דעם מענטש.

כאילו פארט פון די תקנות, איך וויל זאגן אזוי, פארשטייסט, דאס איז א הלכה פאר די אנדערע מענטשן, אז דו דארפסט זיך שטעלן דאווענען אין אזא פלאץ וואו ס'זאל נישט שטערן פאר קיין מענטשן, אז דו קומסט נישט אריין... אבער... דאס איז גארנישט שייך אין די היינטיגע קליינע בתי מדרשים, ס'איז צופיל. יא, אבער ס'איז טאקע, ס'נעמט נישט אוועק אזוי די פאוקעס, ווייל אזוי איז אנגענומען. **"לישב בתוך ד' אמות של תפלה"**.

**דיסקוסיע: פארוואס דער עולם איז נישט מקפיד היינט**

**Speaker 2:** אפשר ניין, אפשר אויב די אלע הלכות זענען וועגן די...

**Speaker 1:** ניין, איך טראכט אן אנדערע הערה. דער עולם היינט איז נישט מקפיד אויף דעם. איך מיין אז ס'האט צו טון מיט די פארניטשער סיטואציע. דאס הייסט, אויב ס'איז דא א בענקל, יעדער האט זיין פלאץ, דא איז מיין בענקל, דא איז דער טיש וואו איך זיץ, סאו דא איז די ד' אמות. די ד' אמות איז נישט קיין מעדזשיק הלכה, אז דא איז פיר אמות. ס'איז א מקום שלו דארט. אויב דו האסט א בענקל און א טיש, דארט איז מקומך. דער נעקסטער טיש איז נישט אין דיין ד' אמות. ד' אמות איז נישט קיין גזירת הכתוב.

ס'קען אויך זיין אז די "לאו לפניו" מיינט, יענער האלט אינמיטן טון אנדערע זאכן, יענער איז עוסק אינדערהיים. ס'גייט אוועקנעמען, ס'גייט אוועקנעמען דיין פאוקעס. אבער דו ביסט אין ביהמ"ד, יעדער דאווענט יעצט, יענער גייט נישט אוועקנעמען דיין פאוקעס. דו ביסט אינדערהיים, און איך ווייס אז איינער וואקט דורך מיט א גרויסן טאפ, ער האלט אינמיטן מישן, איך ווייס נישט וואס טון, גייסטו קוקן וואס ער טוט, ס'גייט אוועקנעמען דיין פאוקעס פון דאווענען.

**הלכה: נישט דאווענען אויף א מקום גבוה**

**Speaker 1:** אקעי. ווייטער, זיי האבן געלערנט מען זאל שטיין ביי א מקום נמוך. איך מיין דאס גייט ארויף אויף דעם, **"לא יעמוד במקום גבוה שיתפלל"**. מען זאל נישט שטיין אויף א קליינע סטעידזש. **"לא יעמוד לא על גבי מיטה ולא על גבי כיסא"**. מען זאל נישט שטיין אויף א...

**דיסקוסיע: רבי'ס וואס דאווענען אויף א סטעידזש**

**Speaker 2:** די רבי'ס וואס שטייען אויף א סטעידזש ווען זיי דאווענען?

**Speaker 1:** אויף א גרויסע סטעידזש. ער גייט זאגן, ער גייט זאגן אן היתר. **"ואם היה גבוה, אם יש בו ארבע אמות על ארבע אמות שהוא רשות בפני עצמו, מותר להתפלל בו"**. אויב ס'איז גענוג גרויס, רשות לעצמו, איז דאך א שטאט. ס'איז נישט קיין פראבלעם. דאס איז די היתר פון די רבי'ס וואס דאווענען אויף א סטעידזש, זיי מאכן א גרויסע סטעידזש. ס'איז גענוג נאך א שטאט.

**"וכן אם הוא מקום מוקף מחיצות מכל צדדיו"**, וואס ס'איז ממש ארומגענומען, **"כמקום כרשות בפני עצמו"**, איז דאס זיכער נישט די רבי'שע סטעידזשעס. אבער די איסור פון "לא יעמוד במקום גבוה" האט עס עט ליעסט נישט. ס'איז זיכער נישט קיין דרך הכנעה צו שטיין דאווענען אויף א סטעידזש.

דער תירוץ איז אז ער איז דער בעל תפילה. דער בעל תפילה שטייט דאך אויפן בימה, אז דער עולם זאל אים קענען הערן. ס'איז אנדערע זאכן, ער סערוווט דעם עולם דאך. די סטעידזש איז נישט לכבודו, די סטעידזש איז לכבוד הציבור, אז ער רעדט צום ציבור זאל דער ציבור קענען הערן. אויב דער רבי דאוונט ביחידות אויף א סטעידזש, דעמאלטס איז טאקע פאני. אבער דער וועלט זאגט דאך אז ער איז דעם ציבור'ס בעל תפילה, דער בעל תפילה זאגט נאר וואו מ'האלט. סאו, ס'קען זיין. יא, אלעמאל קען מען טרעפן א רבי'שע מעשה צו מיישב זיין.

שוין. דער ענין איז נאך נישט געענדיגט. נאך א היתר פאר די מקום גבוה. **"וכן אם הוא מקום מוקף מחיצות מכל צדדיו, אף על פי שאין בו ארבע אמות, מותר להתפלל בו, לפי שאין גובהו ניכר, שהוא חלוק לרשות לעצמו"**. ס'איז אזוי ווי א קליינע רשות פאר זיך. תפילה האט עס אויך צוטון מיט קביעות המקום.

**הלכה: פועלים אויף א בוים**

**Speaker 1:** **"ואם היו עוסקין בראש הכותל או בראש האילן"**, מתי גייט מען זיך מתפלל זיין? **"יורדין למטה ומתפללין, וחוזרין למלאכתן"**. זיי זאלן אראפקומען דאווענען און זיי זאלן צוריקגיין דאווענען. זיי קענען נישט דאווענען ווען זיי זענען אויף א שפיץ זאך. **"ואם היו בראש הזית או בראש התאנה, ואינו טורח גדול לרדת, מתפללין במקומן"**. אויב ס'איז נישט קיין גרויסע טירחא צוריק אראפצוקומען, ס'איז דאך זענען זיי דארטן ווייל זיי טרעפן א גוטע פלאץ פון וואו צו קענען צוקומען צו די זיתים אדער די תאנה, **"מתפללין במקומן, מפני שהטורח מרובה"**. ווייל ס'איז דא א גרויסע טירחא פון אראפקומען, האט מען זיי מתיר געווען.

זייער גוט. די אמת איז די הלכה איז נישט נאר מיט די הלכה פון פלאץ, אויך דא וויפיל איז מטריח א מענטש אינמיטן זיין ארבעט און דאווענען.

**הלכה: פועלים — בסעודתן vs. בשכרן**

**Speaker 1:** די גמרא איז מתפלל, איז דא **"אם היו עוסקין בסעודתן בלבד"**, אויב דער מענטש איז נאר אן ארימאן און ער ארבעט, און די גאנצע זאך וואס ער באקומט באצאלט איז ער באקומט צו עסן, **"מתפללין תפילה של שמונה עשרה ברכות"**. ער זאל דאווענען די גאנצע דאווענען, ווייל אונז האבן נישט אזוי רחמנות אויף די בעל הבית. די בעל הבית מעג דיר באצאלן די עסן אפילו דו דאווענסט די גאנצע דאווענען.

אבער אויב... מ'רעדט דא באופן אז דער בעל הבית לאזט. אויב דער בעל הבית גייט אים נישט געבן, איז עס פארקערט, דעמאלטס האט מען מער רחמנות אויף די בעל הבית. דאס הייסט, מ'גייט באגנב'ענען דעם בעל הבית. דאס איז די ווארט. סא די ווארט איז אפשר אז ער מאכט נישט אזויפיל געלט, מ'וועט אים שוין צוגעבן אביסל צייט צו דאווענען. אפשר איז דאס די כלל.

**"ואם היו עוסקין בשכרן"**, אויב זיי באקומען זייער באצאלט, דעמאלטס געבט מען זיי א היתר אז זיי זאלן נישט אזוי סאך זיך שטערן פון דאווענען, זיי זאלן נישט אוועקנעמען פון זייער צייט פון טון די ארבעט, נאר זיי זאלן דאווענען די תפילה פון "הבינו", די קורצערע תפילה.

**דער רמב"ם'ס חידוש: קיין מנין פאר פועלים**

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם, **"בין כך ובין כך"**, אין חילוק צו ער ארבעט בשכרן אדער בסעודתן, אפילו ווען ער איז עוסק בסעודתן מיינט נישט אז ער זאל זיך לאנג שטערן צו גיין גיין דאווענען אין בית המדרש אדער דוכנ'ען. **"בין כך ובין כך, אין יורדין לפני התיבה ואין נושאין את כפיהם"**. זיי דארפן נישט גיין אין בית המדרש דאווענען.

**Speaker 2:** דזשוינען דעם בעל תפילה, אדער אפילו גיין הערן דעם בעל תפילה?

**Speaker 1:** ניין, זיי מאכן נישט דארט. ער מאכט נישט קיין מנין פאר די פועלים. ער מאכט נישט קיין מנין צווישן די פועלים.

**Speaker 2:** יא, ער מאכט נישט קיין מנין צווישן די פועלים. ער דארף נישט גיין צו די זעלבע זאך.

**Speaker 1:** ניין, ער דארף נישט דארט. לאמיר זאגן ס'איז דא צוויי מענטשן, ס'איז דא צען מענטשן, צען פועלים, זיי קענען מאכן א מנין, און דער רמב"ם שטייט אז דער ארבעטער מאכט נישט קיין מנין. דער חנוך זאגט אז זיי זענען עניי עין דרך בעל הבית להקפיד על כך. איך ווייס נישט פון וואו זיי האבן דאס גענומען. אזוי צו זאגן, ס'איז דא א גרויסע מהימנות וואס דער היינטיגער בעל הבית וועט לאזן יא די ארבעטערס ארבעטן, לאזן לאזן. זיי זענען זיך אלץ סומך אויף די ראש המשפט. אבער שוין.

**דיגרעסיע: ארבעט אין גמרא צייטן vs. היינט**

**Speaker 1:** די נעקסטע זאך איז געשטאנען א השוואת הקול. אין די גמרא צייטן האבן אסאך מער גענומען ערנסט די נושא פון ארבעט. די כנסת הגדולה האט אויך געזען וואס פאר א ארבעט. זיי האבן געארבעט אין די פעלדער, דאס איז טאקע, ס'איז נישטא אויסצופיל צייט, מען דארף ענדיגן די גאנצע זייעס היינט וכדומה. ארבעט אין אן אפיס, ס'איז נישט גארנישט אז מען גייט אוועק פאר א שעה דאווענען מנחה, וואס ווייס איך, וואס האט ער געטון? ס'איז נישט גארנישט. ער האט דאך נישט געטון עפעס וואס שטערט פאר פרנסה במשך די טאג, ער איז געגאנגען דאווענען.

**הלכה: השוואת הקול — וויאזוי הויך צו דאווענען**

**Speaker 1:** די נעקסטע זאך איז געווען השוואת הקול, וועלכע קול זאל מען דאווענען, און וועלכע טאן זאל מען דאווענען. השוואת הקול, בקיצור, וואס מיינט דאס? **"לא יגביה קולו בתפלתו"**, ער זאל נישט דאווענען זייער הויך, ער זאל נישט מגביה זיין זיין קול. אבער אויך **"ולא יתפלל בלבו"**, ער זאל נישט דאווענען זייער שטיל אז ער זאגט עס נאר בלבו. בלבו מיינט אן קיין שום קול, נישט קיין חיתוך שפתים, נאר בהרהור אין די הארץ.

דא האב איך געטראכט אז השוואה מיינט אינמיטן, השוואה מיינט שוה, בדרך השוה, בדרך הממוצע, נאר אינמיטן, נישט זייער הויך און נישט זייער שטיל. **"אלא יחתוך דבריו בשפתיו"**, ער זאגט עס ארויס מיט זיינע ליפן, **"וישמיע לאזניו בלחש"**, ער אליין קען הערן, **"ולא ישמיע קולו"**, ער זאל נישט מאכן הויך זיין קול אז יעדער איינער זאל אים הערן, **"אלא אם כן הוא חולה"**, נאר אויב ער איז א חולה און ס'איז אים שווער צו זאגן אן זיך לאזן אליין הערן, **"או שאינו יכול לכוין לבו עד שישמיע קולו, הרי זה מותר"**. אבער דאס איז דווקא.

**דיסקוסיע: פארוואס דווקא בלחש?**

**Speaker 1:** פארוואס לכתחילה זאל מען נישט משמיע זיין קולו? אויך וועגן דעם, וועגן ס'שטערט אנדערע מענטשן. זעט אויס אזוי, ווייל **"ובפרט שלא יהא בציבור"**, בציבור זאל ער נישט טון ווייל ס'שטערט אנדערע מענטשן. גלייך ער לויט די תורת הדעת מכלל זאלן נישט שטערן אנדערע מענטשן מיט זיין קול.

**Speaker 2:** זאגט דער וואס איז געשטאנען "ולא ישמיע קולו" מיינט אויך בציבור?

**Speaker 1:** ניין, ס'מיינט בדיעבד. לכתחילה דארף יעדער איינער דאווענען שטילערהייט. אויב ס'איז דא איינער וואס ער קען נישט מכוון זיין...

אה, דאס דארף מען פארשטיין. פארוואס זאל מען דאווענען שטילערהייט ווען מ'איז אליין? ס'איז אן ענין פון... ס'איז מער א מכובד'דיגע דאווענען? אדער די גאנצע סיבה איז כדי נישט צו שטערן אנדערע מענטשן?

ניין, דו זעסט נישט אזוי. ס'זעט אויס ס'איז דא צוויי ענינים. איינס, סתם אזוי זאל מען דאווענען שטיל, און די צווייטע זאך...

**"לא יגביה קולו"** ברענגט ער אז די פשט איז אז מ'זאל נישט מיינען אז דער אייבערשטער הערט נאר אויב מ'שרייט, אדער אז מ'דארף שרייען, אזוווי ס'שטייט ביי די נביאי הבעל, **"קראו בקול גדול כי אלהים הוא אולי ישנו ויקץ"**. מ'דארף נישט אויפשרייען צום אייבערשטן.

**Speaker 2:** און "לא ירים ולא ישא". אבער פארוואס נישט רעדן א נארמאלע קול אזוווי איך רעד מיט דיך, נאר בלחש?

**Speaker 1:** דאס ווייס איך נישט. איך מיין אז ס'איז א נוסח פון פריוואטקייט אפשר.

**Speaker 2:** ס'קען זיין אז "לא ישמיע קולו" מיינט העכער פון דעם, מיינט דאווענען זייער הויך וואס שטערט אנדערע מענטשן.

**Speaker 1:** יא. די גמרא זאגט אויף רבי יוחנן, **"למה תיקנו תפילה בלחש? כדי שלא לבייש את עוברי עבירה"**. אז מ'זאל נישט הערן...

**Speaker 2:** ניין, אז יעדער זאל נישט הערן וואסערע חטא ער האט געטון.

**Speaker 1:** אה, זיין "על חטא". און ער זאגט דארט, אויב אזוי היינט וואס מ'זאגט סתם די נוסח איז נישט קיין חילוק. איך ווייס נישט. מ'זעט ביי וועלכע "על חטא" ער ווייננט זיך.

**Speaker 2:** ניין, ס'איז זיכער דא אן ענין אז תפילה איז אן אינטימע זאך. ס'איז צווישן א מענטש און גאט. מ'שרייט נישט. ביי פסוקי דזמרה שרייט מען, ס'איז נישט קיין תפילה. די עיקר תפילה איז די עמידה, וואס דו שטייסט לפני המלך און דו וויינסט זיך אויס. יא, ס'איז א פריוואטקייט זאך, אזוי מיין איך.

**הלכה: כריעות בתפילה**

**Speaker 1:** אקעי, קריעה האלט מען. קריעה, דאס איז ביים דאווענען איז דא אן ענין פון קריעה, קצרה. וויאזוי איז די קריעה? ווייטער. די גמרא זאגט אזוי, וויפיל מאל דארף מען זיך בוקן ביים דאווענען? זאגט די גמרא אזוי, **"מתפלל כורע חמש כריעות בכל תפילה ותפילה"**. וויאזוי בוקט מען זיך? פנים אלע רעכנט אויס די אלע זאכן. **"ברוך אתה ה'"**, תחילה וסוף. **"מודים אנחנו לך"**, תחילה וסוף. ביי **"הטוב שמך ולך נאה להודות"**.

**Speaker 2:** און ביי "מודים" איז דא אויך תחילה וסוף?

**Speaker 1:** ביי "מודים" איז נאר ביים אנהייב.

**Speaker 2:** אה, דא?

**Speaker 1:** יא.

**Speaker 2:** און ביי "הודאה" אויך תחילה וסוף?

**Speaker 1:** ביי "מודים" און אויך ביי... על טוב שמך נאה להודות.

**"איז גומר התפילה כראוי"**, ווען מ'ענדיגט דאווענען, ווען מ'טרעט אויס פון שמונה עשרה, פארן אויפטרעטן די פיס.

**הלכות תפילה — פרק ה: כריעות, השתחויה, ונפילת אפים**

**חמש כריעות בשמונה עשרה**

**Speaker 1:**

ער זאגט נישט פינף מאל, ער זאגט פינף כריעות. ער רעכנט אויס: **ברכה ראשונה תחילתה וסופה**, לך לך לבדך **אנחנו מודים**, והוא יהיה דא אויך **בתחילה ובסוף**, ביי מודים און נאכדעם ביי **הטוב שמך ולך נאה להודות**.

**וכשגומר התפילה, כורע.** ווען מען ענדיגט דאווענען, ווען מען טרעט אויס פון שמונה עשרה, דאס איז די פינפטע, און מען טרעט אויס נאך אמאל כורע.

**ופוסע שלוש פסיעות לאחוריו כשהוא כורע.** מען טרעט אויס ווייל מען בוקט זיך, מען טרעט אויס אראפגעבויגן כלפי מטה. **ונותן שלום לשמאלו, ואחר כך לימינו, ואחר כך מעביר ראשו מן הכריעה.**

**וואס טייטש "נותן שלום"?**

**Speaker 1:**

וואס טייטש "נותן שלום"? אונז זאגן אזוי, איך ווייס נישט וואס ס'מיינט דאס. אויב איינער דאוונט, וואס מיינט... ניין, "נותן שלום" מיינט ער זאגט

שלום פאר'ן אייבערשטן. ווי א תלמיד וואס איז נפרד פון זיין רבי, ער זאגט "גוד ביי", דאס טייטש שלום. ער זאגט כל טוב, ריבונו של עולם. מיר וועלן דאס זען ווייטער, מיר וועלן דאס זען ביי מנחה. איך ווייס נישט, אבער די סדר פון דעם איז, ער מאכט אזוי און אזוי, קודם לשמאלו און נאכדעם לימינו.

און די ריזען איז וויל כביכול, דער רמב"ם זאגט נישט די טייטש, רייט? כביכול מיר געזעגענען זיך. ווען מיר נעמט שלום, מיר געבן שלום. און וואס איז די... ער ברענגט עפעס וועגן דעם דא? ס'העלפט אז מ'זאל פילן כעומד לפני המלך, און מ'געזעגענט זיך. יא, אקעי.

**כריעה ביי הדיוט, כהן גדול, און מלך**

## :Speaker 1

איך זאג דיר, דער רמב"ם זאגט, **"וכשכורע בארבע כריעות אלו, כורע בברוך, וכשזוקף, זוקף בשם."** זאגט דער רמב"ם, **"ומדברים אלו למדנו בהדיוט."** די סדר הכריעות איז פאר א הדיוט. אבל כהן גדול האט אן אנדערע סדר, און **ער איז כורע בתחילת כל ברכה ובסוף כל ברכה**, ער האט זיך אין איין כריעה געזיין. און יעדער... און אלע פון די ווענטן. ער דארף מער הכנעה, וויל ער א��ז א... ער איז א חשוב. ווי מער פאוער א מענטש האט, דארף ער האבן מער הכנעה.

זאגט דער רמב"ם, און א מלך האט נאך א העכערע מדרגה פון כריעה, וויל מלך, **כמשתחוה בראשונה**, באלד ווען ער האט אנגעהויבן דאווענען, האט ער זיך איינגעבויגן, **ואינו מגביה ראשו עד שגומר תפלתו.** ער הייבט נישט אויף זיין קאפ ביז ער ענדיגט די גאנצע תפילה. די גאנצע תפילה דאוונט ער מיט אן אראפגעבויגענעם קאפ.

ס'איז זייער אינטערעסאנט, וויל א פשוט'ער מענטש קען טראכטן פון עומד לפני המלך, אבער דער מלך אליין, פאר וועם איז ער עומד? ער דארף ממש זיך איינבייגן. מלך מיינט... יא, דער מלך שטייט פאר דער מלך מלכי המלכים. אקעי.

**פארוואס לשמאלו תחילה?**

## :Speaker 1

זאגט דער רמב"ם, פארוואס האט מען געזאגט אז ווען מען טרעט אויס, געבט מען שלום לשמאלו תחילה ואחר כך לימינו? פארוואס געבט מען שלום לשמאלו תחילה? זאגט דער רמב"ם, **לפי ששמאלו היא ימינו של מי שכנגד פניו.** זיין לינקס איז דעם וואס וואלט געשטאנען אקעגנאיבער אים, וואלט עס געווען פאר אים רעכטס. ס'טייטש, ווען ס'וואלט געווען אקעגנאיבער די ראמז'דיגע מלך, וואלט דער מלך'ס ימין געווען ביי דעם שמאל. **כלומר, שהוא עומד לפני המלך, לפיכך נותן שלום לימין המלך ואחר כך לשמאל המלך.**

ס'טייטש, ער טראכט, ס'איז זייער אינטערעסאנט, ס'איז ממש אזוי ווי א פלעי. מען זאל וויזשועלייזן "עומד לפני המלך", ממילא זאל מען זיך בוקן באופן וויאזוי דו וואלסט זיך געבוקט ווען דו וואלסט געשטאנען אין פראנט פון א ראמז'דיגע מלך, און מען דארף געבן שלום לימין המלך ואחר כך לשמאל המלך. לכאורה דא ליגט סודות התורה, און מען איז זיך קודם מתייחס צו די ימין. אבער דער פשוט'ער פשט איז דער פשוט'ער פשט. יא, זייער גוט.

**הכופף עצמו בתפלה כמו שנפטרים מלפני המלך**, האבן מיר געזעגנט זיך פון תפילה אזוי ווי מיר געזעגנען זיך פון א מלך. לאמיר זיך געזעגנען, יא. איך מיין אז ס'איז אויך וויכטיג ארויסצוגיין פון תפילה.

**דיגרעסיע: אריינטרעטן אין תפילה**

## :Speaker 1

פונקט אזוי, דער רמב"ם דרך אגב ברענגט בכלל נישט וויאזוי מיר זאלן אריינטרעטן אין תפילה, וואס אונז פירן זיך. ס'איז געשטאנען, ס'איז די מנהג אויסצושטעלן די פיס. ס'איז נישט געשטאנען אז מען גייט צוריק און אהער און צוריק. וואס מאכט מען זיך לצנות? מאכט מען זיך פורים? דו גייסט אריין אדער נישט? ארויסגיין מאכט סענס, יעצט האב איך געדאוונט, יעצט גיי איך ארויס. אבער דאס אריינגיין, מילא אז א מענטש שטייט נישט אין זיין פלאץ און ער גייט אריין פשטיי איך, אבער וואס איז די סתם אז מען גייט צוריק בעקווארדס און פארווערדס? זעט נישט אויס אזוי ווי די קאני.

## :Speaker 2

ס'שטייט נישט בעקווארדס און פארווערדס, ס'שטייט אז מען נעמט דריי פסיעות. ס'איז דריי סטעפס אהין, ס'איז דריי סטעפס צוריק, ס'איז גאט פאר. ס'איז פאני, אבער גייט נישט צוריק נאר אויב מען שטייט אויף איין פלאץ, דארפסטו האבן פון ווי צו וואקן.

## :Speaker 1

זייער גוט, איטס פאני, ווייסט וואס איך מיין צו זאגן. עניוועי, דער רמב"ם ברענגט דאס אלץ עפעס א ברענגט אריין אנדערע פלאץ, עפעס ביז דערוויל... ס'איז נישט פאני וויל ס'איז דאך א ענין פון וויזשואלייזד, וויל דו זאלסט האבן די וויזשואליזעישאן ווי דו וואקסט דריי טריט צום מלך.

## :Speaker 2

נא פראבלעם.

**שיעור הכריעה — עד שיפקקו כל חוליות שבשדרה**

## :Speaker 1

זאגט דער רמב"ם, כל הכריעות האלו, די כריעות, וויאזוי, ווי שטארק דארף מען זיך בייגן און וויאזוי דארף אויסקוקן די בייגן? **צורך שיחוח, דארף זיך בייגן עד שיפקקו כל חוליות שבשדרה, ביי עשיר קשתות.** כדי דער מענטש, געוועהנליך דער מענטש'ס רוקן איז גראד, ער זאל זיך אזוי שטארק איינבייגן אז זיין שדרה זאל ווערן...

סאו מען לערנט פון דעריוף אז א מענטש דארף קענען אסאך עקסערסייז, אפילו יאגא, אז זיין... זיין רוקן זאל ווערן ממש רינדעכיג. דו קענסט עס? רינדעכיג קענסטו? כקשת. ס'מיינט זיך אינגאנצן ארומבייגן, נישט... בקיצור, ער דארף בייגן זיין בעק, נישט נאר... ער דארף עפעס זיך בייגן. ער קען זיך בייגן נאר מיט די קאפ, ער וויל ער זאל זיך בייגן מיט זיין בעק. ער דארף עפעס די ווארט.

**ואם שחוה מעט**, אויב ער האט זיך געבויגן **וצער עצמו**, און ער איז זיך שוין מצטער געווען, **כיוון שנראה ככורע בכל כוחו**, ס'זעט אויס ווי ער בייגט זיך ממש מיט זיין גאנצע כוח, אפילו אויב ער איז נישט ממש איינגעבויגן. אוקעי. דאס איז כריעה.

**כריעה, קידה, והשתחויה — דריי באגריפן**

## :Speaker 1

איז דא נאך א לעוול פון... פון דעם ענין פון השתחויה. דאס איז וואס מען טוט ביים... ביי די פיר ברכות. דער רמב"ם, דאס איז די סטיודענטס פון די קינדערלעך האבן צו מאכן זיך מיט די קניען אביסל און דאס, דאס שטייט נישט אינעם רמב"ם. דער רמב"ם זאגט כריעה איז די טייטש וואס אונז רופן, מען בייגט זיך... מען בייגט זיך זיין רוקן און מען בייגט אראפ די קאפ. פון ברוך ביז השם, יא? ברוך אתה, ביידע די זעלבע. דער רמב"ם מאכט נישט קיין חילוק פון... פון די צוויי זאכן.

נאכדעם איז דא נאך א זאך, השתחויה. וואס איז השתחויה? זאגט דער רמב"ם, וואס טייטש השתחויה? **השתחויה כיצד? אחר שמגביה ראשו מכריעה חמישית...** נאכדעם וואס ער שטייט אויף פון די פינפטע וואס ער האט זיך געבויגן ביי סוף שמונה עשרה, **יושב לו על הארץ**, ער זעצט זיך אראפ אויף די פלאר, **ונופל על פניו ארצה**, ער פאלט מיט די פנים אויפן פלאר, **ונופל כולו ארצה**, ער פאלט אינגאנצן, השתחויה. דאס איז נישט... יא. דאס הייסט השתחויה, אמת'דיגע כריעה, וואס מ'האט געזאגט פריער. און השתחויה, מען האלט דאך אין איין שיעור צו דעמאלטס, ווייזט מען זיך אויס. בעט זיך אויס וואס מ'דארף.

און דער רמב"ם איז מסביר... יעצט זאגט דער רמב"ם, ווי קומט די עשר כריעות והשתחויות? זאגט דער רמב"ם אזוי, איך וועל זיך מסביר זיין. **כריעה, מורה בכל מקום**, מ'ביגט זיך **על ברכיו**.

#### פראבלעם: כריעה בשמונה עשרה — על ברכיו אדער שחיית הגוף?

## Speaker 1:

דאס איז נישט גאר אזוי, אבער ס'איז געווען ענליך אביסל. ס'איז דא א פראבלעם דא. לאמיר אונז זען, ס'איז דא א שטיקל פראבלעם דא. **כריעה, מורה בכל מקום**, איז **על ברכיו**, מ'ביגט זיך אויף די פיס. **קידה** איז **על אפים**, מ'ביגט זיך איבער די פנים פרייער אויף די פלאר. **השתחויה** איז **פישוט ידים ורגלים**, די מערסטע, **עד שנופל על פניו ארצה**. מ'ליגט אינגאנצן אויסגעשפרייט.

יעצט, דא איז א פראבלעם, ווייל דער רמב"ם האט ביז יעצט געזאגט כריעה, האט ער געטייטשט כריעה **עד שיפקעו כל חוליות שבשדרה**, ער האט נישט געזאגט אז מ'זאל מאכן על ברכיו. וועגן דעם, לכאורה דער פשוט'ער פשט איז, פארדעם זאגט דער רמב"ם "בכל מקום". דא האט ער געזאגט כריעה, האט ער נישט דאס געמיינט. באופן כללי, כריעה וואס שטייט אין די תורה וכדומה, מיינט מען דאס. יעצט, די נפקא מינה איז, ער גייט יעצט זאגן אז ביי נפילת אפים איז דא וואס טוען קידה, און ס'איז דא וואס טוען השתחויה. כריעה טוט מען נישט, איינע פון די צוויי. אבער כריעה וואס מ'רעדט פריער איז נישט די כריעה שבכל מקום. אזוי איז לכאורה. אנדערע ווילן לערנען אנדערש, אבער לכאורה דאס איז די גראדסטע וועג צו פארשטיין.

אנדערע ווילן לערנען אז דער רמב"ם האלט אז מ'דארף יא השתחויה פון מיטל על ארץ ממש. ניין, ביי כריעה דארף מען על ברכיו. אז דער רמב"ם'ס כריעה איז יא על ברכיו, אבער ער האט דאך אליין געזאגט אז ס'איז גענוג שוחה מעט, און ער האט אפילו געזאגט אפילו בלא שוחה מעט, ער האט געזאגט חוליות שבשדרה, ער האט נישט געזאגט אז מ'דארף... ער זאגט אויך נישט ביי כריעה אז מ'דארף זיך נידערן, יא, ער זאגט **יושב על הארץ** אזוי. ער זאגט נישט אז מ'זאל זיך זיצן אויף די ערד ביי שמונה עשרה. דא יא, מיין איך, ס'איז געווען מנהגים וואס מ'האט זיך יא געביקט ביי שמונה עשרה אויף די ערד אינגאנצן, אזוי ווי די מתבודדים טוען?

## Speaker 2:

ס'האט צו טון טאקע אזוי ווי דו זאגסט, דער מנהג המדינה. אז דער רמב"ם זאגט **יושב על הארץ**, ווייל מ'פלעגט דעמאלטס זיצן אויף די ערד.

## Speaker 1:

ניין, אבער מ'דארף צו השתחויה מוז זיין אויף די ערד, ווייל ער דארף זיך בוקן אויף די ערד. וויאזוי גייט ער דארפן זיך אוועקזעצן? כדי ער זאל קענען מאכן נפילת אפים, וואס איז נישט אזא מצוה פון זיצן. פארשטייסטו וואס איך זאג? אזוי מיינט ער, איך האב נישט געוואוסט.

## Speaker 2:

איך האב נישט געוואוסט אז דער רמב"ם פלעגט מען זיצן אויף דער ערד.

## Speaker 1:

יא, אקעי, קען זיין.

#### נפילת אפים — קידה אדער השתחויה

## Speaker 1:

יא, זאגט דער רמב"ם, **"בשעה שעושין נפילת אפים, יש מי שעושה קידה לבד"**, ובנפילת אפים עושין קידה דהיינו על אפים, זיי לייגן זיך אויף די פנים, **"ויש מי שעושה השתחויה"**, זיי לייגן זיך אראפ זייער גאנצע גוף. דאס הייסט דער רמב"ם, אז ווען מ'מאכט השתחויה, לייגט מען די גאנצע גוף, מ'שטרעקט אויס די גאנצע גוף, **"פניו ידיו ורגליו על הארץ"**.

דאס איז וואס דער רמב"ם זאגט אזוי, דארף מען אבער געדענקען איין זאך, אז מ'טאר נישט טון קיין השתחויה על אבנים. דאס האט מען געלערנט אין עבודה זרה. מ'טאר נישט מאכן השתחויה על אבנים אלא במקדש, ווי מ'האט געלערנט אין מסכת עבודה זרה. ממילא, אויב מ'טוט עס אין בית המדרש, דארף מען מקפיד זיין, אויב ס'איז א פלאר פון אבנים, זאל מען לייגן גראז. ס'איז דאך געשטאנען דארט אז דער רמב"ם האט געזאגט אז מ'לייגט, די מנהג איז צו לייגן גראז, כדי מ'זאל קענען דוקא מאכן נפילת אפים.

#### אדם חשוב און נפילת אפים

## Speaker 1:

יא, זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"ואין אדם חשוב רשאי ליפול על פניו"**. א אדם חשוב, אויב ער גייט פאלן על פניו, גייט עס אויסקוקן ווי א גרויסער נביא, איז נאר אויב ער טוט עס באמת מעג ער, **"אלא אם כן יודע בעצמו שהוא צדיק כיהושע"**. אויף יהושע שטייט **"ויפול על פניו ארצה"**. אויף יהושע שטייט עס? איינער וואס איז א צדיק כיהושע מעג. יא, וואס איז די נושא? נישט קלאר. פארוואס טאר נישט א אדם חשוב?

## Speaker 2:

אה, ס'שטייט דארט אין... נאך עי, נאך די שטאט עי איז געפאלן איין איד, שטייט אז יהושע איז נפל על פניו, און דער אייבערשטער האט אים געענטפערט. אהא.

## Speaker 1:

ער ברענגט דארט פון די ראשונים, מסתמא דער רשב"א, אז איינער וואס איז נישט קיין צדיק גייט זיין א חילול השם, אז ער בייגט זיך און טוט אזא גרויסע הכנעה פאר'ן אייבערשטער און ער ווערט נישט געענטפערט. ער איז דאך א מפורסם, ער איז א אדם חשוב. אה, וועגן דעם א אדם חשוב. א אדם חשוב, מ'וועט זען אז ער ווערט נישט געהאלפן, גייט עס זיין א חילול השם. ממילא זאל ער נאר טון אזא קליינע תפילה. ס'איז אינטערעסאנט, ער זאל לאורען די עקספעקטעישאנס אזוי ווי.

#### דיסקוסיע: נפילת אפים — א שטארקע תפילה

## Speaker 2:

אבער אדרבה, ס'זאגט אז נפילת אפים איז גאר א שטרענגע תפילה. ס'איז נישט סתם, איך מיין צו זאגן, געווענליך שטרעקט זיך אויס, ער פאדערט. ער פאדערט, יא. ער בעט נישט, ער בעט זיך, ס'איז תחנונים, אבער ס'איז זייער... וויאזוי האט מען געזאגט? אזוי ווי מיר האבן גערעדט די גאנצע צייט.

## Speaker 1:

אבער מאטי פון אבן מאט, ער זאגט אז נפילת הבן איז א שטארקע דעספערעישאן, סאו ווען דער מענטש רייסט איין, ער מוז ווערן געהאלפן. סאו ס'איז מסתם ענליך צו ווי די צדיקים האבן ערגעץ געמאכט, איך גיי נישט ארויס פון דא ביז איך ווער געהאלפן, סאו זיי האבן זיך איבערגעגעבן פאר תפילה, איינגעריסן האבן זיי מיר זיי.

## Speaker 2:

איינגעריסן.

## Speaker 1:

דאס טוט מען נישט. דאס איז א כלל אז מ'טוט זיך נישט איינרייסן חוץ אויב מ'ווייסט אז ס'גייט געלונגען. וואס טוט מען יא? נישט סתם אזוי מאכט א פורים ארויס. אבן מאטי פון אבן מאט, ער מאכט א קליינע...

### נפילת אפים — הלכות ומנהגים

#### מהות נפילת אפים — דעספעראציע און מסירות נפש

וויאזוי האט מען געזאגט? דעספערעט, אזוי ווי אן אונגערישער זאגט די לשון. אבער **מתי פניו מאט** — ער זאגט אז נפילת אפים איז א שטארקע דעספערעישאן. סאו ווען דער מענטש רייסט איין, ער מוז ווערן געהאלפן. סאו ער איז טאקע ענליך אזוווי די צדיקים אמאליגע האבן געמאכט: "איך

גיי נישט ארויס פון דא ביז איך ווער געהאלפן." סאו ער איז זיך איבערגעגעבן פאר תפילה. איינגעריסן, אזוי זאגט מען. איינגעריסן.

דאס טוט מען נישט — די הלכה איז אז מען טאר זיך נישט איינרייסן, חוץ אויב מען ווייסט אז ס'וועט גלונגען. פארוואס זאל מען נישט סתם אזוי מאכן תפילות? אבער **מתי פניו מאט** — א קליינע נפילת אפים מעג מען, אבער איינער **קובש אותם מקאר** — מאך נישט עקסטרעם. דאס איז למעשה וויאזוי מיר פירן זיך.

**אונזער מנהג — קיין אמת'ע נפילת אפים**

אקעי, סאו מען דארף דאס דערמאנען אז אונזער מנהג איז בכלל נישט צו מאכן נפילת אפים — אונז מאכן עפעס מיט די הענט און גארנישט. דאס איז דער עיקר הדין אז מען זאל זיך פארבייגן צו די זייט.

און מיין ברודער האט געזאגט אז די סיבה איז אז יעדער איינער איז חשוב — ס'איז דא אן אדם חשוב, און ער טאר נישט. ניין, ער האט געזאגט ס'איז א שיינע זאך, מ'איז חשוב, מ'איז חשוב אז מ'איז אן אדם חשוב, אבער מ'טראכט נישט אז מ'איז א צדיק ורע לו.

**יושב לארץ — א גרינגערע וועג**

מ'קען מאכן אהין **יושב לארץ**. יושב לארץ. דער רמב"ן, פארן פילע יום כיפור, דער עולם האט נישט געוואלט מאכן די קריעה ווייל ס'איז דא פארניטשער, איז ער איז זייער שווער. ס'איז אויך נישט דא. יושב לארץ — ווען מ'זיצט אויף לארץ איז גרינגער צו זיין נופל אפים.

**מקום נפילת אפים — אנדערש ווי תפילה**

זאגט דער רמב"ם, די הלכות פון נפילת אפים: מ'איז נישט אין דעם זעלבן פלאץ וואו מען דאוונט — **מטה ראשו ומתפלל במקום זה, ונופל על פניו במקום אחר.** אפשר איז עס א חלק פון תפילה. ס'איז שווער, מ'דארף עפענען א גרעסערע פלאץ, ס'איז אן ענין פון **משתחוה רחוק.** דאס איז דער טייטש, יא?

**ווען מאכט מען נישט נפילת אפים**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, ווען מאכט מען די נפילת אפים? זאגט דער רמב"ם, מ'טוט עס נישט אין פרייליכע טעג. אזוויי רבי יצחק האט געזאגט, ווייל אין נפילת אפים איז טייטש אז מען לייגט זיך זייער סאך אריין אין די תפילה, ווען מ'איז זייער דעספערעט. און שבתים וימים טובים — די צייט וואס מען איז פאראייניגט, מען ווייזט נישט ארויס קיין עצבות, דאס איז נישט א צייט וואס מען ווייזט ארויס דעספערעישאן.

דער **מנהג פשוט בכל ישראל** איז אז מען זאגט נישט קיין נפילת אפים **בשבתות וימים טובים** — נישט שבתות און נישט ימים טובים, **ולא בראשי חדשים, ולא בחנוכה ופורים, ולא במנחה של ערב שבתות וימים טובים, ולא בערב ראש חודש בכל יום.** סתם אזוי מערערע פלעצער. איז פארוואס? ווייל עס איז נישט... איז מילא האט מען נישט צוגעלייגט קיין נפילת אפים.

**תפילה דאורייתא — די כוונה פון נפילת אפים**

עס קען זיין אז די כוונה איז — די רבנים האבן געזאגט אז מען זאל דאוונען. לכאורה די כוונה איז ממש די תפילה דאורייתא, מען מיינט זייער ערנסט. די דריי מאל א טאג קען מען נישט טון, צוויי מאל א טאג איז גענוג און נאך. מיר חסידים טוען אפילו נישט ביי מנחה פאר א סיבה, ווייסן מיר שוין פארוואס.

**ויש יחידים שנוהגים לעשות נפילת אפים** — די יחידים וואס טוען עס מערערע מאל א וואך.

**נפילת אפים ביחיד — ווען מען האט א צרה**

אבער דאס דארף מען וויסן, אז אמאל ווען מענטשן האבן באמת א צרה, ווילן זיי טאקע דאוונען. געווענליך דאווענט מען ווייל עס שטייט אין שולחן ערוך אז מען זאל דאוונען. אבער איינער האט באמת א גרויסע צרה — אזוויי רבי אליעזר האט געוואלט אז זיין שונא זאל שטארבן, איך ווייס נישט וואס — איינער האט באמת א צרה, ער וויל מאכן נפילת אפים, ער קען עס נישט טון בציבור, קען ער עס טון אינדערהיים. עס איז נישט קיין שום ענין אז עס דארף זיין בציבור, און עס וועט ארבעטן בעזרת השם.

נפילת אפים איז די תפילה וואס מיר זאגן **"נפלה נא ביד ה'"** — נישט סתם מעןווארפט זיך אריין, מען איז גרייט אויף מסירות נפש אויף אזא זאך.

**יום כיפור — נפילת אפים בכל תפילה**

אזוויי דער רמב"ם זאגט, **"וביום הכיפורים בלבד"** — ווען איז יא דא נפילת אפים בכל תפילה ותפילה? יום כיפור. ווייל דעמאלטס איז גאר א שטארקע טאג, א **זמן תחינה, בקשה ותחנונים.** דעמאלטס איז די צייט ווען מען זאל מאכן נפילת אפים.

**אונזער מנהג יום כיפור — כורעים אבער נישט תחנון**

שטייט דא אין די זייט אז אונזער מנהג, הגהות מהר"ם, אז מען מאכט נישט קיין נפילת אפים. דאס הייסט, מיר זאגן נישט קיין תחנון יום כיפור. אבער מיר מאכן יא א כורעים ביי מוסף, מיר מאכן יא. די כורעים איז זכר פאר די כהן גדול, יענע כורעים. יא, אבער עס זעט אויס אז עס האט אויך מיט די אמת'ע נפילת אפים. עס איז דא א סארט תפילה וואס הייסט נפילת אפים, זיי נישט תחנון וועג, און יום כיפור איז א גוטע צייט צו טון.

**פלאץ פאר השתחוואה**

א זייגער זאגט אז ווען עס איז נישטא קיין פלאץ, מען איז פטור פון השתחוואה, און השתחוואה רבוכה, כדי מען זאל קענען האבן די אפארטוניטי צו טון די מצווה. יא, מ'דארף קענען זיך. ס'איז נישט נאר פאר א באקוועמליכקייט, אז מ'דארף קענען זיך אויסארבעטן.

געוואלדיג.

**נוסח נפילת אפים**

איז נפילת אפים, און דאס איז די שוין וועגן דעם. אין יום כיפור איז נחמיא און נפילת אפים, יא. אין אונזער סידור האט מען אריינגעשטיפט אין א נוסח א קאפיטל תהילים וואס מ'זאל זאגן דעם. אבער די עיקר הלכה איז אז מ'דארף זאגן וואס איז מתחנן.